יעקב גאָרדין

# גאָט, מענטש און טײַוול

דראַמע אין 4 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג

## פּערזאָנען

הערשעלע דובראָוונער, סת״ם — עטלעכע און פערציק יאָר
פּעסעניו, זײַן װײַב — די זעלביקע יאָרן.
ר׳ לייזער בדחן, זײַן פֿאָטער — בײַ די 70 יאָר
פֿריידעניו, ציפּעניו, זײַנע פּלימעניצעס — 18 און 16 יאָר
כאַצקל דראַכמע, זײַן פֿרײַנד, אַ װעבער — עטלעכע און פֿערציק יאָר.
דאָבע, זײַן פֿרוי, אַ קורצזיכטיקע — די זעלביקע יאָרן
מאָטעלע, זייער זון — בײַ די צוואַנציק
אוריאַל, מזיק — אַ יאָר דרײַסיק

עס קומט־פֿאָר אין דובראָװנע, רוסלאַנד, אין אונדזער צײַט

ספר תורה, תפילין, מזוזות

# GOD, MAN, and DEVIL

by
Jacob Gordon

translated by
Nahma Sandrow

*God, Man, and Devil* by Jacob Gordin

CHARACTERS
(and the actors who appeared in the first performance)

Hershele Dubrovner -- scribe a little over forty years old .............David Kessler

Pesenyu, his wife -- same age..........................................Madame Wilenski

Reb Leyzer the Jester, his father -- seventy years old............S. Tornberg

Freydenyu - eighteen years old} his nieces ..........................Madame B. Kalish
Tsipenyu - sixteen years old}..............................................Madame Feinman

Khatskl Drakhme, his friend, a weaver -- a little over forty....Leon Blank

Dobe, his wife, nearsighted -- the same age.........................Madame Nadalsky

Motele, their son -- about twenty.........................................Jacob Cohen

Uriel Mischief -- about thirty...............................................M. Moshkevitsh

The action takes place in Dubrovne, Russia, in our times.

# פּראָלאָג

אין הימל. — דער כסא־הכבד אין דער הייך. אונטן — הימלען, וואָלקנס, אַ סך שטערן. זייער פיל מלאָכים: יונגע שוועבן אין דער לופטן; אַלטע מלאָכים בײַ די טרעפּ פון כסא־הכבוד; דער שטן שטייט באַזונדער, פון דער ווײַטן.

**כאָר, יונגע מלאָכים** — שטאַרבן שטאַרבט אַלץ, וואָס איז און לעבט.
דאָס לעבן אַליין איז אומשטערבלעך.
שטערבלעך איז דאָס נאָר, וואָס וויל און שטרעבט,
דאָס שטרעבן און ווילן — אומשטערבלעך...

**כאָר, אַלטע מלאָכים** — די וואָרהייט איז אייביק, אייביק און איין:
גוטס און שיינקייט איז וואָרהייט אַליין.

**יונגע מלאָכים** — עס שטאַרבן די פאָרמען, דער שטאָף אָבער לעבט.
די אידיי פון דער פאָרעם איז ניט שטערבלעך.
אידייען און שטאָף צונויפגעוועבט.
דאָס איז גײַסט און נאַטור, ס'איז אומשטערבלעך.

**אַלטע מלאָכים** — די וואָרהייט איז אייביק, אייביק און איין:
גוטס און שיינקייט איז וואָרהייט אַליין.

**יונגע מלאָכים** — אָן אידייען דער שטאָף איז פון כאַאָס אַ וועלט.
אַלץ איז תוהו ובוהו:
פאָרמען פון כאַאָס שאַפט אינטעלעקט,



וואָס באַלעבט דעם שטאָף מיט אידיי.

**אַלטע מלאָכים** — די וואָרהייט איז אייביק, אייביק און איין:
גוטס און שיינקייט איז וואָרהייט אַליין.

**יונגע מלאָכים** — עס שטרעבן די פאָרמען אַלץ העכער אַרויף אויף דעם נאַטירלעכן לייטער פון לעבן.
אינטעלעקט, אָדער ווילן, אָדער שאַפנדער גײַסט?
דאָס איז צו דער אַנטוויקלונג דאָס שטרעבן.

**אַלטע מלאָכים** — די וואָרהייט איז אייביק, אייביק און איין:
גוטס און שיינקייט איז וואָרהייט אַליין.

עס הערט זיך אַ מעכטיקער קול שופר. אַ באַוועגונג.

**אַלטער מלאך** — ער גייט! ער גייט, דער שאַפנדיקער גײַסט פון דער אייביקייט, דער אומשטערבלעכער גײַסט פון דער וואָרהייט!

**אַלע מלאָכים** — היה, הוה ויהיה!

אַלע קניִען, אויסער דער שטן.

**גאָט** — אומגעזען. מען הערט נאָר זײַן שטימע פון כסא־הכבוד. אייביקייט און האַרמאָניע אין די הימלען און אין אַלע וועלטן, אין דעם אומבאַגרײַפלעכן רוים און אין דער אומענדלעכער צײַט.

**אַלע מלאָכים** — היה, הוה ויהיה!

**גאָט** — וואָס איז דאָ נײַס? איז דער שטן דאָ צווישן די בני אלוהים?

**שטן** — טרעט־צו, ניגט זיך. דאָ בין איך, אַלטער הער. אַפּאַרט. מאָנאָטאָן און לאַנגווײַליק ציט זיך דאָ אין די הימלען די צײַט, און נאָר מײַנע נײַס פון דער מענטשנוועלט מונטערן זיי דאָ אַ ביסל אויף. די נאַרישע פאַרדאַרבענע מענטשן זײַנען מקנא די געטער. נאַרן! נישטאָ קיין גליק דאָרט, ווו עס איז נישטאָ קיין אומגליק. נישטאָ פרייד, ווו עס זײַנען נישטאָ קיין טרערן. נישטאָ קיין פאַרגעניגן, ווו עס איז נישטאָ קיין פאַרלאַנג. נישטאָ קיין פילן, ווו עס עקסיסטירן נישט קיין לײַדנשאַפטן. נישטאָ קיין צופרידנקייט, ווו



עס איז נישטאָ קיין קאַמף. נישטאָ קיין נײַס, ווו עס איז נישטאָ קיין אויפרעגונג! זיי וויסן דאָרט נישט, אַז איין אויגנבליק פון שוואַכן מענטשנס לעבן האָט מער אינטערעס ווי אַ גאַנצע אייביקייט פון אַ מעכטיקן גאָט! און דאָך... כע, כע! די געטער קענען זײַן מענטשן און ווילן נישט, די מענטשן ווילן זײַן געטער און קענען נישט.

**גאָט** — שטן, פון וואַנען קומסטו איצט?

**שטן** — איך האָב געוואַנדלט איבער דער וועלט און געשפּאַצירט איבער איר.

**גאָט** — וואָס פאַר אַ נײַס איז דאָ צווישן אָדמס קינדער, וועלכע מיר האָבן באַשאַפן אין אונדזער געטלעכער געשטאַלט?

**שטן** — קיין נײַס! זיי חזרן שטענדיק איבער איינע און די זעלביקע נאַרישקייטן.

PROLOGUE

(In Heaven)

(The throne of honor above. Below: heavens, clouds, many stars. Many cherubs float in the air. Older angels at the steps of the throne. Satan stands alone at a distance.)

CHORUS OF YOUNG ANGELS

Death comes to everything. All that lives, dies.
Life itself is undying.
All that wills and that strives must die.
Willing and striving alone are undying.

CHORUS OF OLD ANGELS

Truth is eternal, eternal alone.
Goodness and beauty in truth become one.

YOUNG ANGELS

Forms die, but matter lives.
The idea of form is undying.
Idea and matter, which are spirit and nature,
Once woven together - undying.

OLD ANGELS

Truth is eternal, eternal, alone.
Goodness and beauty in truth become one.

YOUNG ANGELS

The world is formless and void
Without ideas - matter is chaos.
Intellect, which animates matter,
Creates forms out of chaos.

OLD ANGELS

Truth is eternal, eternal and single:
Goodness and beauty in truth become one.

YOUNG ANGELS

Up the natural ladder of life
The forms strive higher still.
Which of these forces develops the striving:
Intellect, spirit, or will?

OLD ANGELS

Truth is eternal, eternal, alone:
Goodness and beauty in truth become one.

(A mighty shofar blast is heard. Movement)

AN OLD ANGEL

He is coming! He is coming! The creative spirit of eternity, the undying spirit of truth!

ALL ANGELS

He was, he is, and he will be.

GOD

What's the news? Is Satan here among god's children?

SATAN

(Approaches) bows
Here I am, venerable lord.
(Apart)
Time here in heaven stretches monotonous and tedious. My news from the world of people is all that livens them up a little here. The foolish, stupid humans envy the gods. Fools! Where there's no misfortune, there is no good fortune. No joy where there are no tears, no pleasure where there is no desire, no emotions where there exists no suffering, no happiness where there is no struggle, no news where there is no excitement! Down there they don't know that one blink of a weak man's life is more interesting than a mighty god's whole eternity. And so - ha ha - the gods could be humans and don't want to, the people want to be gods and can't.

GOD

Satan, where are you coming from now?

SATAN

I have been walking up and down upon the earth.

GOD

What's the news among Adam's children, whom we created in our divine image?

SATAN

No news. They keep doing the same stupid things over and over.

**גאָט** — ווי? קיין שום נײַס צווישן די באַשעפֿענישן, וועלכע שטרעבן צו איר העכער און ווײַטער, וועלכע באַרויִקן זיך נישט אויף קיין איין אויגנבליק, וועלכע דענקען נאָר פֿון נײַע דערפֿינדונגען, פֿון אַנטוויקלונג און פֿאַרבעסערונג?

**שׂטן** — זייער גײַסט שטרעבט הויך און דאָך זײַנען זיי זייער טיף פֿאַרזונקען אינעם שמוץ און קויט פֿון זייער מאַטעריעלן לעבן. דערפֿונדן האָבן זיי זייער פֿיל נײַס און וואַלגערן זיך נאָך תּמיד אין זייערע אַלטע, פֿון דער צײַט פֿאַרפֿוילטע און פֿאַרשימלטע אומגערעכטיקייטן. אויסערלעך האָבן זיי זיך זייער פֿיל פֿאַרבעסערט און פֿאַרשענערט, אָבער אינעווייניק זײַנען זיי נאָך מער פֿאַרדאָרבן און פֿאַרקריפּלט. אין דעם נײַ־געבילדעטן מענטשן זיצט דער אַלטער, ווילדער אָדם.

**גאָט** — שׂטן, דער גײַסט פֿון פֿאַרנײַנונג ביסטו. דעריבער פֿאַרנײַנסטו דעם מענטשנס גוטע אײַגנשאַפֿטן. טונקל ביסטו און נאָר טונקל זעסטו אַרום זיך. ווי?! טויזנטער יאָרן זײַנען אַריבער זינט אָדם האָט געגעסן פֿון עץ־הדעת און איך האָב אים פֿאַריאָגט פֿון גן־עדן. טויזנטער יאָרן גייט ער זינט דעמאָלט אַלץ פֿאָרויס און פֿאָרויס,



4 גרויסע שוישפּילערס אין טיפּישע גאָרדין־ראָלן: יעקב פּ. אַדלער אין שלמה חכם; דוד קעסלער ווי הערשעלע דובראָווער אין „גאָט, מענטש און טײַוול"; זיגמונט מאָגולעסקאָ ווי שלמה הויז אין „די שבועה"; און מאָריס מאָשקאָוויטש אין „דער אומבאַקאַנטער".



און דו געפֿינסט אים נאָך שטענדיק אויף דעם זעלביקן אָרט, נעבן די טויערן פֿון גן־עדן? אומזין!

**שׂטן** — אַלטער הער, דער מענטש איז ווירקלעך זייער ווײַט פֿון די טויערן פֿון גן־עדן. ער זאָל שטיין אויף זײַן אַלטן פּלאַץ, וואָלט ער זיך געוויס אומגעקערט צוריק. וואָרעם דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער נישט געפֿונען. און דײַנע וועכטערס, די צוויי כּרובֿים, זײַנען פֿון דער צײַט געוואָרן אַלט און שוואַך. און דער להט החרבֿ המתהפּכת — די שאַרפֿע שווערד, וואָס דו האָסט זיי געגעבן, איז געוואָרן פֿאַרזשאַווערט און שטומפּיק. ניין, דער מענטש האָט ווירקלעך אַוועקגעמאַרשירט ווײַט פֿון די טויערן פֿון גן־עדן. אָבער וואָס קומט דערפֿון, אַז ער טראָגט מיט זיך זײַן ווילדקייט? ער ציט פֿון איין פּלאַץ אויפֿן אַנדערן און שלעפּט מיט זיך מיט זײַנע אַלטע לומפּן! ער האָט אָנגעזאַמלט גרויסע רײַכטימער און איז געבליבן רויבער און בעטלער! ער האָט דערפֿונדן געניאַלע הילפֿגעצײַג, צו פֿאַרגרינגערן זײַן לעבן, און דענקט נאָר דערפֿון, ווי אַזוי דעם אַנדערנס לעבן שווערער צו מאַכן! ער האָט מעכטיקע מיטלען צו פֿאַרניכטן די שטערונגען, וועלכע די נאַטור שטעלט אים, און ער באַניצט זיך צום מייסטן מיט אָט די מיטלען נאָר צו פֿאַרניכטן זײַנע מיטמענטשן! אַלטער הער, אָדמס קינדער זײַנען ווי אַמאָל צעטיילט אויף הבֿלס און קינס: די ערשטע ווערן שטענדיק דערמאָרדעט, די צווייטע בלײַבן אייביקע מערדערס! אינעם נײַ־געבילדעטן מענטשן זיצט דער אַלטער אָדם!

**גאָט** — דער נײַ־געבילדעטער מענטש, ווי איך זע, געפֿעלט דיר נישט. די וואָרהייט געזאָגט, מיר אַליין איז אויך דער אַלטמאָדישער מענטש פֿיל סימפּאַטישער. זאָג מיר נאָר, האָסט געהערט, אָדער אפֿשר אַליין באַגעגנט דאָרט, אויף דער ערד, מײַן טרײַען, ליבן קנעכט — הערשעלע דובראָוונער. אַפֿילו פֿאַר דעם גרעסטן גאָט פֿון געטער איז אַ פֿרייד צו האָבן אַזאַ דינער און פֿאַרערער.

GOD

What? Nothing new among those creatures which strive ever higher and further, which do not rest for even the blink of an eye, which think only about new discoveries, new development and improvement?

SATAN

Their spirit strives upward, but they are sunk very deep in the filth and dirt of their material life. They have established very many new things, but they still blunder about in their old, decayed, moldy injustices. On the outside, they have greatly improved and beautified themselves, but on the inside they are even more corrupt and deformed. Inside the newly educated human being sits the primitive old Adam.

GOD

Satan, you are the spirit of denial; that's why you deny humanity's good creations. You are dark and see everything around you as darkness. How can it be? Thousands of years have passed since Adam ate from the tree of knowledge and I drove him from the garden of Eden. For thousands of years, ever since then, he has been going steadily forward, and you find him still at the same spot at the gates of the Garden of Eden? Nonsense!

SATAN

Old Lord, it is true that man has gone very far from the gates of the Garden of Eden. If he were still in his old place, he would certainly have turned back. Because what he was looking for, he hasn't found, and your guards, the two cherubs, have become old and weak, and the sharp swords which you gave them have become rusty and blunt. No! Man really did march far away from the gates of the Eden, but what was the use of that if he carried his primitive state along with him? He drags from one place to another and drags his old packs with him. He has gathered great fortunes, but he has remained a robber and a beggar. He has invented brilliant devices to make his life easier, but all he thinks about is how to make other people's lives harder. He has powerful means to annihilate the x set for him by nature, and he uses these means primarily to annihilate his fellowmen. Old Lord, Adam's children are still divided into Cains and Abels: the former always get murdered, the latter eternally remain murderers. Inside the newly educated human being sits the old Adam.

x obstacles

GOD

The newly educated human being, as I see, does not please you. To tell the truth, I too found the old-fashioned human being much more sympathetic. Tell me further, have you heard, or perhaps youself met, there on earth, my true beloved servant Hershele Dubrovner? Even for the greatest god of the gods, it is a joy to have such a servant and worshiper.

**גאָט** — אײניקײט און האַרמאָניע אין די הימלען, אין אַלע װעלטן, אין דעם אומבאַגרײַפֿלעכן רוים, אין דער אומענדלעכער צײַט.

פֿאַרשװינדט.

**אַלטע מלאָכים** — היה, הוה ויהיה!

**כאָר, יונגע מלאָכים** — שטאַרבן שטאַרבט אַלץ, װאָס איז און לעבט.

דאָס לעבן אַלײן איז אומשטערבלעך.
שטערבלעך איז דאָס נאָר, װאָס װיל און שטרעבט.
דאָס שטרעבן און װילן — אומשטערבלעך.

**יונגע מלאָכים** — די װאָרהײט איז אײביק, אײביק און אײן.
גוטס און שײנקײט איז װאָרהײט אַלײן.

**פֿאָרהאַנג**

GOD

Unity and harmony in the heavens, in all the worlds, in ineffable space, in all eternity. (Disappears)

ALL ANGELS

He was, he is, he will be.

CHORUS OF YOUNG ANGELS

Death comes to everything. All that lives dies.
Life itself is undying.
All that wills and that strives must die.
Willing and striving alone are undying.

They will get the last word

CHORUS OF OLD ANGELS

The truth is eternal, eternal and single.
Goodness and beauty alone are undying.

CURTAIN

# ערשטער אַקט

**אַ גרױסער, אָרעמער צימער. צװײ פֿענצטער צו דער גאַס, פֿאַרפֿרױרן. אײן שױב אױסגעבראָכן און פֿאַרשטאָפּט מיט אַ שמאַטע. אין מיטן שטוב אַ גרױסער, װײַסער טיש, אױף װעלכן עס ליגן עטלעכע יריעות [1] און אַ חומש, צוגעדעקט מיט אַן אַלטן פּרוכת. אױפֿן טיש ברענט אַ לאָמפּ, שטײט אַ גרױסער טינטער מיט עטלעכע געגנדזענע פּעדערן. אין אַ זײַט — נאָך אַ טיש, באַדעקט מיט אַ װײַסן טישטעך. בײַ דער טיר אַן אױװן. בײַ דער װאַנט, נעבן טיר, ברענען פֿינף חנוכּה־ליכטלעך. צװישן אױװן**

[1] **פּאַרמעט־פּאַסן, אױף װעלכע דער סופֿר שרײַבט ספֿרי־תּורה, תּפֿילין און מזוזות (סת״ם).**



**און דער װאַנט שטײט אַ בעט, פֿאַרהאָנגען מיט אַ רױטן פֿאָרהאַנג. אױף דער װאַנט, אין אַ שװאַרצן זעקעלע, הענגט אַ פֿידל.**

**פּעסעניו** — בײַ װעלכער עס איז פֿאַרבונדן און מיט װאַטע פֿאַרװיקלט אײן באַק, שײלט קאַרטאָפֿליעס בײַם אױװן, אין װעלכן עס ברענט פֿײַער. זי טראָגט אַן אַלטן װאַרעמען בורנוס [2]. לײזער און פֿרײדעניו זיצן בײדע נעבן די חנוכּה־ליכטלעך. ער רײַסט פֿעדערן פֿון אַ גרױסן געגנדזענעם פֿליגל און זי שערט זײ אַרום מיט אַ שערל און שניצט־אױס דרײַעקיקע שפּיצן. ציפּעניו האַלט אײן פֿוס אױף אַ קלײן בענקעלע און בינדט־צו די פּאָדעשװע פֿון שוך מיט אַ שטיקל אָקרײַקע [3].

**פּעסעניו** — נו, ציפּעלע, זאָלסטו געזונט זײַן, װאָס קלײַבסטו זיך אַזױ?

**ציפּעניו** — שױן, מומעניו! איך בינד־צו די פּאָדמיאָטקע [4] צום שוך מיט אַ שטיקל אָקרײַקע. אַז איך גײ, שלאָגט עס זיך אין שנײ און בײַ יעדן טריט שיסט עס אױס: ליאַפּ! ליאַפּ! כאַ, כאַ, כאַ! דאָס איז, יאָ, אַז גאָט װיל, שיסט אַפֿילו אַ פּאָדמיאָטקע. נו, װאָס זאָל איך זײ זאָגן?

**פּעסעניו** — װעסט זאָגן, אַז ר׳ כאַצקל, דאָבע און מאָטעלע, אַלע זאָלן קומען באַלד אַהער. בײַ אונדז איז הײַנט אַ שׂמחה. אױ, מײַנע צײן!

**ציפּעניו** — איך װעל זײ זאָגן: בײַ אונדז איז הײַנט אַ גרױסער באַל, כאַ, כאַ, כאַ!

**לײזער** — נעמט זי און זי לאַכט. אײן פֿרײלעכער קבצן איז בעסער פֿון צװײ אומעטיקע גבֿירים, כע, כע!

**פּעסעניו** — שטיפֿערין, פּלאַפּלערין, זאָל זײַן אַ באַל. זאָג זײ ערשטנס, איז הײַנט דאָס פֿינפֿטע ליכטל. בײַ לײַטן עסט מען הײַנט

[2] בגד. — [3] אַן אָפּפֿאַל פֿון שטאָף. — [4] פּאָדעשװע.



לאַטקעס. מיר, מישטײנס געזאָגט, האָבן נישט קײן געגנדזענע שמאַלץ און קײן רעטשענע מעל, װעלן מיר מאַכן אַזױ אַ סעודה... הערינג צעהאַקן און... אױ, מײַנע צײן!

**ציפּעניו** — איך װײס. װי דער זײדע זאָגט צום גראַם: אַ סעודה װי אַ דודע, הערינג געהאַקטע און קאַרטאָפֿליעס געבאַקטע. פֿאַרבינדט דעם קאָפּ מיט אַן אַלטן, װאַרעמען שאַל.

**לײזער** — און װײטיק פֿון צײן מיט אַ ביסעלע כרײן. אײַ, ציפּקע סתּם, מאַכסט אַ תּל פֿון מײַן גראַם. שש! קום אַהער, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן בסוד. זאָגט איר אין אױער. זאָג זײ... שש... עס איז דאָ אַ גאַנצע גראָפֿינקע ראָזשינקע־װײַן, ײַן צמוקים!

**ציפּעניו** — װינקט צו אים און לאַכט. אַ, משקה פֿון דער פֿליאַשקע!



(A big, impoverished room. The two windows onto the street are frosted over, and one pane is broken and stuffed with a rag. Upstage is a big white table on which lie a few sheets of parchment and a Pentateuch, covered by an old ark cover. A lamp burns on the table. A big inkwell with a few quill pens. On the side, another table, covered with a white tablecloth. Near the door, an oven. Against the wall near the door, five Hanuka candles are burning. A bed hung with a red curtain stands between the oven and the wall. On the wall hangs a fiddle in a black bag.

One cheek wadded and wrapped with bandages, PESENYU peels potatoes at the oven where a fire is burning. She wears an old warm bathrobe. LEYZER and FREYDENYU sit near the Hanuka lights. He is pulling feathers from a big goose wing and trimming them and cutting points with shears. TSIPENYU, one foot up on a little stool, is binding up the sole of her shoe with a little strip of rag.)

PESENYU

Nu, Tsipenyu, may you be healthy, what are you sewing?

TSIPENYU

Almost done, Auntie. I'm sewing the sole of my shoe with a little piece of rag. When I walk, the snow slips in, and at every step it shoots back out. Liap liap! They say, if God wills, even a sole can shoot. Well, what should I say?

PESENYU

Say that Reb Hatskl, Dobe, and Motele, should all come right here. We're having a party. Oy, my teeth.

TSIPENYU

I'll say, we're having a grand ball today.

LEYZER

She laughs! One merry beggar is better than two gloomy rich men.

PESENYU

Naughty chatterbox, let it be a ball. Tell them first of all today is the fifth candle of Hanuka. Fine people eat potato pancakes today. Of course we don't have any goose fat and no fine flour. So we'll make our own kind of feast - chopped herring and -oy, my teeth.

TSIPENYU

I know how grandfather makes the rhyme: A holiday feast/ For King David, at least. Salty fish/ Potatoes in a dish. (Ties up her head in an old warm shawl)

LEYZER

Tooth ache/ And honey cake. Oy, Tsipi mine/ You ruin my rhyme. Sshh. Come here, I have to tell you a secret. (~~Says something in~~ Talks into her ear) Tell them - sshh. There is a whole bottle of raisin wine.

TSIPENYU

(Winks at him and laughs) Ah! "Liquor in the pitcher?"

-8-



פרײדעניו — וואָס מײנסטו, מען מוז רײדן? אַמאָל אַז מען שווײַגט איז אַ סך גלײַכער. מיר דאַכט זיך, אַז אָפט זאָגן מענטשן ליגנס און רײדן נאַרישקײטן, ווײַל זײ ווילן רײדן, ווען זײ האָבן נישט וואָס צו זאָגן...

ציפּעניו — אײאַ, נישט מיך מײנסטו?...

פרײדעניו — האָט מען וואָס צו זאָגן, דאַרף מען רײדן, און אַז נישט — דאַרף מען שווײַגן.

ציפּעניו — מיט מיר, פריער, האָט ער געהאַט וואָס צו רײדן און פאַר דיר האָט ער מורא.

מאָטעלע — וואָס זאָל איך מורא האָבן? פרײדע איז נישט קײן בער און איך בין נישט קײן שרעקעדיקער.

דאָבע — צו פּעסיען. און איר, נישט אין מײַן מאָס געדאַכט, האָט ווידער צײנווײטיק? אָט פאָלגט מיך, נעמט ביבולע־פּאַפּיר, צעשטעכט מיט אַ גאָפּל ווי אַ מגן־דוד און...

כאַצקל — קוקט אויף דער וואַנט. און דאָס איז אונדזער הערשעלעס פידעלע? שפּילט ער נאָך אַ מאָל?

פרײדעניו — אַך, זײער זעלטן, ר׳ כאַצקל, אַ מאָל, שבת־צו־נאַכטס אָדער מוצאי יום־טוב.

ציפּעניו — אײַ, איר האָט איר דערמאָנט! זי ווערט דאָך פאַרצאַפּלט, ווען דער פּעטער שפּילט.

פרײדעניו — יאָ. ווען דער פּעטער שפּילט, ווײַזט זיך מיר אויס, אַז אין שטוב ווערט ליכטיקער און פרײלעכער. אַלץ אַרום אונדז ווערט גאָר אַנדערש. און דאָס פידעלע רעדט און װײנט. מיר ווײַזט זיך אויס, זי דערצײלט, וואָס די ײדן האָבן געליטן אין גלות און וואָס עס וועט זײַן אַ מאָל, שפּעטער, אין משיחס צײַטן...

פּעסעניו — זי שטאַרבט נאָך דער פידל. זי וואָלט נישט געגעסן, נישט געטרונקען, ניט געשלאָפן, אַבי שפּיל איר...

ציפּעניו — איר ווײסט, זי זינגט דעם פאָטערס „מזמור לדוד" אַקוראַט ווי דאָס פידעלע שפּילט.

כאַצקל — יאָ, גאָט האָט אים באַשאָנקען מיט אַלע מעלות.



מיר זײַנען אויסגעוואַקסן אין אײנעם. אין חדר געווען חבֿרים — זעט איר דאָך! איך בין נישט מער ווי אַ בעל־מלאכה, אַ וועבער, און ער איז אַ למדן, אַן אײדעלער מענטש... דאַכט זיך, פאַרקערט: מײַן טאַטע איז געווען דער ערשטער גמרא־מלמד אין דובראָװנע און זײַן טאַטע...

לײזער — זײַן טאַטע איז געווען און געבליבן לײזער בדחן! נו, יאָ. נו, איך האָב געוואָלט מאַכן פון אים אַ קלעזמער און ער שרײַבט גאָר ספר־תּורות. מיט אַ ניגון. עס מאַכט זיך, דער טאַטע ליגט אויף אַ שטיוול אַ לאַטע און זײַנע ליבע בנים זײַנען גוטע יוונים.

פּעסעניו — שווער לעבן.

לײזער — דערשראָקן. אוי! איך... איך... ר׳ כאַצקל, איך האָב אײַך עפּעס צו זאָגן... שש! זאָגט אין אויער. זי זינגט דעם „מזמור לדוד" פונקט ווי ער שפּילט.

כאַצקל — אפשר, פרײדעניו, אײדער דער פּעטער וועט קומען, וואָלטסטו אונדז אַ ביסל געזונגען? עס איז חנוכּה הײַנט, און פאַר וואָס זאָלן מיר זיך נישט אַ ביסל משׂמח זײַן? וואָס זאָגסטו, מאָטל גנבֿ?

מאָטעלע — איך זאָג, אַז מען קען שפּילן, נעמט מען און מען שפּילט. ניסט.

דאָבע — אַ שנות חיים טובֿים... מאָטעלע, גיב זיך אַ צי בײַם אויער.

פרײדעניו — ניין, ר׳ כאַצקל, איך קען נישט. דער פּעטער זאָגט, אַ פרוי דאַרף נישט זינגען, ווען מאַנסבילן זײַנען אין שטוב.

כאַצקל — אַ פרוי? דו ביסט אַ פרוי, ווײס איך! אַ מײדל, אַ קינד, ע, נישקשה. מעגסט זינגען, אַזוי פּסקן איך דעם דין. אײאָ, ריכטיק געפּסקנט?

פּעסעניו — זינג, נאָר, הערשעלע וועט נאָך נישט באַלד קומען.

At odds w/social convention

FREYDENYU

Why do you think it's necessary to talk? Sometimes when people are silent it's a lot smoother. I think that people often tell lies and say foolish things because they want to talk at a time when they haven't got anything to say.

TSIPENYU

Oh, do you mean me?

FREYDENYU

When a person has something to say, he should say it, and if not - he should keep quiet.

TSIPENYU

With me, he did have something to say, but he's afraid of you.

MOTELE

Why am I afraid? Freyde is no bear, and I am no coward.

DOBE

(To PESE) And you, it should be in my mouth instead, have toothache again? Do just a I tell you: take a piece of paper, very thin; take a fork; prick out a six-pointed star, and-

HATSKL

(Looks at the wall) And that's our Hershele's fiddle? Does he still play once in a while?

FREYDENYU

Ah, very seldom, Reb Hatskl, sometimes the night after Sabbath or on a holiday.

TSIPENYU

Ah, you reminded her! She ~~becomes~~ quivers so ~~emotional~~ when Uncle plays.

*FREYDENYU

Yes, when Uncle plays, it seems to me it becomes lighter and merrier in the house. Everything around us becomes altogether different, and the fiddle speaks and weeps. It seems to me, she tells the story of what the Jews have suffered in exile, and how it will be someday, later, in the time of the Messiah.

PESENYU

She dies for the fiddle. She won't eat, won't drink, won't sleep, just play for her.

TSIPENYU

You know, she sings Uncle's Psalm of David just exactly the way the fiddle plays it.

HATSKL

Yes, God blessed him with all the gifts. We grew up together, friends as schoolboys - and you see, I am nothing more than a workingman, a weaver, and he is a scholar, a refined person. You'd have expected the opposite. My father was the first Talmud teacher in Dubrovne, and his father..

At odds w/genetics

LEYZER

His father was and still is Leyzer the Jester. Yes, nu, I wanted to make a musician out of him, but no, he copies Torah scrolls, of all things. (With a tune) It happens, the father patches a boots, and his dear sons turn out fancy.

PESENYU

Father-in-law dear

LEYZER

(Frightened) EE, I.. I.. Reb Hatskl, I have something to say to you. Sshh (Says in his ear) She.. she sings the Psalm of David exactly the way he plays it.

HATSKL

Maybe, Freydenyu, before Uncle comes, you would sing to us a little. Today is Hanuka, and why shouldn't we make merry? What do you say, Motel the Bandit?

MOTELE

I say that any person can play. You take and you play. (Sneezes)

DOBE

A good year.. Motele, pull your ear.

FREYDENU

No, Reb Hatskl, I can't. Uncle says that a woman mustn't sing when there are men in the house.

HATSKL

A woman? You are a woman? Do I know? A girl, a child. A- never mind, you can sing, that's how I interpret the law. Haven't I interpreted it correctly?

PESENYU

Sing, why not, Hershele won't be home for a while yet.

**מאָטעלע** — איך וואָלט זיך קיין מאָל נישט געלאָזט בעטן.

**אַלע** — זינגו! זינגו!

**כאַצקל** — איך בין אַ פּראָסטער מענטש, אָבער נאָך מײַן שׂכל נאָך איז זינגען קיין מאָל קיין עבֿירה נישט. הלוואי זאָל זיך נאָר זינגען! אַנו, פֿריידעניו, נאָמיר הערן. זינגט. זאָגט אַ מײדעלע: מזמור לדוד...

**פֿריידעניו** — פֿאַנגט־אָן, שעמעוודיק. מזמור לדוד... אוי, איך קען נישט.

**ציפּעניו** — זע נאָר ווי זי ברעקלט זיך.

**אַלע** — נו, שוין! נו שוין אַ מאָל!

**פֿריידעניו** — זינגט: מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר. אַלע הערן אויפֿמערקזאַם, צום סוף העלפֿן אַלע מאַנסבילן אונטער.

**ציפּעניו** — אוי, גוואַלד, גזלנים! דער פֿעטער גייט! אַ באַוועגונג. הערשעלע קומט־אַרײַן אין אַן אַלטן פּעלץ. כאַצקל גייט אַנטקעגן.

**הערשעלע** — מאַכט מיט די הענט און מיטן קאָפּ, מען זאָל אים ניט טשעפּען. וואַשט די הענט, זעצט זיך צום טיש, קושט דעם חומש און שרײַבט.

**פּעסעניו** — שש! ער שרײַבט דעם לעצטן פּסוק. אַלע בלײַבן שטיל. הערשעלע שרײַבט.

**לייזער** — כאַצקלען אויפֿן אויער: איר ווייסט? שש... ער שרײַבט דעם לעצטן פּסוק.

**הערשעלע** — כאַפּט זיך אויף מיט פֿרייד. נשלמו חמישה חומשי תורה, תהילה לאל גדול ונורא, חזק!

**לייזער און כאַצקל** — חזק, חזק ונתחזק! אַלע ברומען־מיט.

**הערשעלע** — גוטן אָוונט אַלע! וואָס מאַכסטו, ר׳ כאַצקל? נאַ דיר מײַן ברייטן שלום עליכם. גיט אים און מאָטלען די האַנט. אַז מען זעט זיך געזונטערהייט, דאַרף מען שוין דאַנקען און לויבן גאָט, ברוך השם. קינדערלעך, איך וועל אײַך געבן חנוכּה־געלט. כע, כע! עס איז נישטאָ בײַ אונדז קיין קלענערע קינדער, זײַנען זיי די קלייניטשיקע.



דיר, פֿריידעניו, פֿינף אײנציקע קאָפּקעלעך און דיר, ציפּעניו, דרײַ קאָפּיקעס. און מאָטעלע, דו האָב קיין פֿאַראיבל נישט, איך... זוכט אין די קעשענעס, אויף מײַן וואָרט, איך האָב מער נישט קיין גראָשן...

**פּעסעניו** — הערשעניו לעבן, דו האָסט דאָך ערשט געהאַט אַ גילדן?

**הערשעלע** — איך האָב גייענדיק פֿון מרחץ באַגעגנט... נעבעך... וואָס דאַרף מען דערציילן?... איך האָב נישט מער קיין פּרוטה... מאָטעלע וועט מיר מוחל זײַן...

**כאַצקל** — וואָס מיינסטו, ר׳ הערשעלע, בײַ מאָטלען איז אַ קאָפּיקע אַ מטבע? ער וועבט טלית־קטנס ווי אַ מאַלאַדיעץ און פֿאַרדינט שוין פֿון אַכט ביז צוועלף קערבלעך אַ חודש...

**דאָבע** — קיין עין־הרע. קיין בייז אויג... קיין קליפּה, קיין שליטה! שפּײַט דרײַ מאָל.

**מאָטעלע** — איך האָב געוווּסט, אַז מען האַלט דאָ די מײדלעך פֿאַר קליינע קינדער, האָב איך געבראַכט אַ דריידל. איר זעט, אַ גאַנצע מאַשין. ווײַזט אַ גרויסן דריידל.

**ציפּעניו** — אָ, לאָמיר טאַקע שפּילן אין דריידל. טרר! גיט אַ דריי. „נ“, „ג“, „ש“, „ה“... איך ווייס, דאָס מאַכט: נס גדול היה שם... נון“ געווינט ניט, „שין“ געווינט נישט. „ה“ געווינט, „גימל“ געווינט... אַיאָ, איך געדענק?

**הערשעלע** — יאָ, קינדערלעך, אַ גרויסער נס איז געשען דעמאָלט... און נאָר דורך ניסים ונפֿלאות לעבן מיר אויף דער וועלט. געלויבט איז גאָט און געלויבט איז זײַן נאָמען.

**דאָבע** — מען זאָגט, ווען אין די ייִדישע הײַזער ברענען חנוכּה־ליכטלעך, באַהאַלטן זיך אַלע קליפּות אין די גויִישע שטיבער.

**פּעסעניו** — עס איז אַ קלייניקייט חנוכּה? אוי, מײַנע ציין!..

**לייזער** — חנוכּה איז אַ יום־טובֿ אַ שיינער, מען שטאָפּט־אָן מיט לאַטקעס די ציינער און מען נעמט זיך שפּילן אין דריידל... אַ

MOTELE

I wouldn't ever wait to be begged.

ALL

Sing. Sing.

HATSKL

I am a plain man. But according to my common sense, singing has never yet been a sin. If only she would sing. Nu, Freydenyu, let's hear. (He sings) "Says a girl.."

FREYDENU

(Begins bashfully) *"Psalm of David:"* Oy, I can't

TSIPENYU

Just look how she hangs back.

ALL

Come on, sing. Nu, sing already.

FREYDENYU

(Sings) *"Song of David: The Lord is my shepherd, I shall not want."* (ALL listen attentively. At the end, the MEN join in.)

TSIPENYU

Oy, help! Rascals! Here comes Uncle! (A movement. HERSHELE comes in in an old fur coat. HATSKL goes to him. HERSHELE gestures with head and hands for no one to bother him. Washes his hands, sits down at the table, kisses the bible and writes.)

Cannot interupt the sanctity

PESENYU

Sshh. He's writing the last verse. (ALL remain silent. HERSHELE writes.)

LEYZER

(In HATSKL's ear) You know? Sshh. He's writing the last verse.

HERSHELE

(Pulls himself together with joy) *The five books of Moses,* have been completed *great and mighty God, strength! xx*

HATSKL and LEYZER

*Strength, strength, and we shall be strengthened!* (All hum along)

HERSHELE

Good evening, all. How are you, Reb Hatskl? A hearty sholom aleichem to you. (Gives him and MOTELE his hand) We should thank and praise God , with God's help, for our meeting. Children, I want to give you Hanuka coins. We don't have any smaller children, so they are the little ones. For you, Freydenyu, five kopecks, and for you, Tsipenyu, three kopecks. And Motele, don't worry, for you (searches his pockets)- on my word, I don't have one groshn more.

PESENYU

Hershenyu, dear, you just had a gilder.

HERSHELE

Coming from the bathhouse I met - poor thing, let's not talk about it - I don't have a penny more. Motele will forgive me.

HATSKL

Do you think, Reb Hershele, that Motele considers a kopeck a coin? He weaves a [taliskoton] like nobody's business and already earns from eight to twelve rubles a month.

DOBE

*No evil eye*, no evil eye. (Spits three times)

MOTELE

I knew that here you think of the girls as little children, so I brought a top. You see, a whole machine. (Shows a big top)

TSIPENYU

Ee, let's really play dreydl. Trr! (Spins) *Nun, gimel, shin, hey.* I know, that makes: A great miracle happened there. *Nun* doesn't win, *Shin* doesn't win, *Hey* wins, *Gimel* wins. Well, don't I remember?

HERSHELE

Yes, children, a great miracle happened there. And only through miracles and wonders do we live in the world. Praised is God and praised is his name.

DOBE

They say that when Hanuka lights are burning in Jewish houses, all the evil spirits hide in gentile houses.

PESENYU

Hanuka is no small thing. Ay! My teeth!

**הערשעלע** — און איך? פֿריידעניו וועט אפֿשר הײַנט, אין אַ גוטער שעה, ווערן אַ... מיוחסת. איך וועל צוליב איר... איך מײן, צוליב אײַך אַלע שפּילן אַ ביסעלע. גייט נעמען דאָס פֿידעלע.

**פֿריידעניו** — לויפֿט צום פֿידעלע. אוי, דער פֿעטער וועט שפּילן! דער פֿעטער וועט שפּילן! נעמט פֿון וואַנט דאָס פֿידעלע. דער פֿעטער איז אַ גוטיטשקער... מיר ציטערן אַזש די הענט... איאַ, מומעניו, איך בין אַזש רויט געוואָרן? נעמט־אַרויס דאָס פֿידעלע פֿון זעקל מיט צערטלעכקייט. אַזוי איז דאָ אַלץ וואָכעדיק, פּראָסט. נאָר אַז דער פֿעטער שפּילט, איז גלײַך ווי עס קומט עפּעס פֿון אַן אַנדער וועלט... איך האָב מורא, דער פֿעטער וועט לאַכן פֿון מיר, אָבער איך מיין, אַז דאָס ערשטע פֿידעלע איז געקומען צו דעם מענטשן דורך דעם, וואָס אַ מלאך האָט זי פֿאַרלוירן און זי איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון די הימלען. גיט הערשעלען דאָס פֿידעלע.

**הערשעלע** — יאָ, פֿריידעניו, אַלץ קומט פֿונעם הימל. גאָט גיט דעם מענטשן צרות און גיט אים מיט וואָס צו טרייסטן זיך... ער גיט אַ שטימע צום לויבן גאָט און צו זינגען... פֿון זײַן פֿאַרגעניגן וועגן. ער גיט קלעזמאָרים צו פּרײַזן דעם גרויסן בורא־העולמים און צו האָבן אַליין אויך הנאה. לייזער טרעפֿט אַ צײַט, ווען דער



זון קוקט נישט און טרינקט־אויס נאָך אַ גלאָז. הערשעלע טאָנט דאָס פֿידעלע, שמירט דעם בויגן מיט קאַניפֿאָל און אין דער צײַט רעדט ער פֿאַרטראַכט. אַ שיינע תּפֿילה איז „מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר״. ווען גאָט איז מײַן פּאַסטעך, וואָס קען מיר פֿעלן? אויף גרינעם גראָז, אויף שטילע וואַסערן וועט ער מיך לאָזן רוען; ער וועט דערקוויקן מײַן זעל מיט דעם, וואָס ער פֿירט מיך אויף די וועגן פֿון גערעכטיקייט... „גם כי אלך בגיא צלמות״, איך זאָל אַפֿילו גיין אין דעם טאָל פֿון דעם שׂטנס טויט, האָב איך קיין מורא נישט.

**דאָבע** — אוי, מיר ווײַזט זיך אויס, איך הער, אַ הונט וואָיעט. מען וואָלט געדאַרפֿט איבערקערן אַ שקראַב...

**ציפּעניו** — מײַן שקראַב איז צוגעבונדן מיט אַ קרײַקע. לויפֿט צו דער טיר. ווער איז דאָרט? מזיק עפֿנט די טיר, טראָגט אַ שיינעם פּעלץ, אייראָפּעיִשע קליידער.

**מזיק** — האָט קיין פֿאַראיבל נישט, וווינען דאָ ייִדן?

**ציפּעניו** — איר זעט דאָך, אַז נישט קיין טערקן. קומט־אַרײַן און מאַכט־צו די טיר, זײַט מוחל.

**מזיק** — פֿאַרטשעפּעט זיך פֿאַר דער שוועל. פֿוי! צום שוואַרץ־יאָר, צום טײַוול! שיר נית געפֿאַלן.

**דאָבע** — אוי, נישט דאָ געדאַכט! נישט אין קיין שטוב גע־דאַכט!

**פּעסעניו** — ר׳ ייִד, בײַ אונדז אין שטוב דערמאָנען מיר נישט זײַן נאָמען. מען הערט דאָ נישט קיין קללה, קיין שעלטן, חלילה.

**מזיק** — האָט קיין פֿאַראיבל נישט, גוטן אָוונט. קודם־כּל וועל איך אײַך אָן הקדמות דערציילן, ווער איך בין און ווי איך קום אַהער. איך בין אַליין פֿון וואַרשע... איך האַנדל מיט לאָטעריי־צעטלעך...

**אַלע** — וואָס איז דאָס?

**מזיק** — געווינס־צעטלעך. מען ציט אַ נומער און מען געווינט געלט. דורך אַזאַ צעטל איז זייער גרינג צו ווערן אַ גבֿיר. עס איז



איצט חנוכּה־צײַט, בין איך אויף אַ פּאָר טעג געקומען צו אײַך אין דובראָוונע. איך ווייס, בײַ נאַכט זיצן איצט אין יעדער ייִדישער שטוב מענטשן, גיי איך אום און לייג־פֿאָר מײַנע צעטלען. איך האָב ברוינשווײַגער, לײַפּציגער און וואַרשעווער. נעמט־אַרויס פֿון בומאַזשניק לאָטעריי־צעטלען. איר הערט? מען קען מיט איין מאָל געווינען פֿופֿציק טויזנט און מען ווערט פּלוצלינג אַן עושר.

**פּעסעניו** — וויפֿל? אוי, מײַנע ציין!

**מזיק** — פֿופֿציק טויזנט רובל!

**פּעסעניו** — דו הערסט, הערשעלע?

**דאָבע** — דו הערסט, כאַצקל?

**הערשעלע** — מיך פֿאַרדריסט זייער, וואָס איר האָט זיך אומזיסט מטריח געווען. דאָך, אַז איר זײַט שוין דאָ, וואַרעמט זיך אָן. מיר טרײַבן נישט, חלילה, קיין מענטשן פֿון שטוב. שלום עליכם! גיט אים די האַנט. זיצט, מה שמיכם?

HERSHELE

And me? Freydenyu may perhaps today, in a lucky hour, become a..an in-law. For her sake.. I mean, for the sake of you all, I will play a little bit. (Goes to take the fiddle)

FREYDENYU

(Runs to the fiddle) Oy Uncle is going to play! Uncle is going to play! (Takes the fiddle from the wall) Uncle is so kind. My hands are actually trembling. Auntie, haven't I become positively red? (Takes the fiddle out from the sack delicately) Usually, everything here is weekday, plain, but when Uncle plays, it's exactly as if something come from another world. I'm afraid that Uncle will laugh at me, but I believe that the way tha the first fiddle came to mankind was that an angel lost it and it fell from the heavens (Gives HERSHELE the fiddle)

HERSHELE

Yes, Freydenyu, everything comes from heaven. God gives a person sorrows and gives him a way to comfort himself. He gives a voice to praise God and to sing about his happiness. He allows musicians to praise the creator of the universe and to have pleasure themselves. (LEYZER finds a time when his son isn't looking and drinks another glass. HERSHELE tones the violin, rosins the bow, speaking reflectively) A pretty prayer, the Psalm of David: "*The Lord is my shepherd, I shall not want,* When God is my shepherd, what can I lack? On green grass, by quiet waters, he will let me rest, he will refresh my soul by leading me on the paths of righteousness. *Yea, though I walk through the valley of the shadow of death*, even if I go in Satan's valley of death, I am not afraid.

DOBE

Not to be thought of, not to be mentioned by night.

HERSHELE

(Reflective) I am not afraid, because he, my God, is with me. Yes, he, my God, is with me. (Plays. ALL listen attentively, especially FREYDENYU. Somebody knocks on the window.)

PESENYU

Sh! I think someone's knocking. (ALL listen. A voice is heard)

DOBE

Oy, it seems to me I hear a dog baying. We should have turned over the sole of a shoe.

TSIPENYU

The sole of my shoe is tied together with a rag. (Runs to door) Who's there? (MISCHIEF enters. Wears a handsome fur coat, European clothes)

MISCHIEF

Excuse me. Is this a Jewish home?

TSIPENYU

You see yourself we're not Turks. Come in and close the door, if you don't mind.

MISCHIEF

(Stumbles on threshold) Foo! A black year! The devil! I almost fell.

DOBE

Ay, Not to be thought of! Not to be thought of in anyone's home!

PESENYU

Reb Jew, in our home we do not mention his name. We don't hear any curses here, no cursing, God forbid.

MISCHIEF

Excuse me. Good evening. First of all I'm going to tell you without preface who I am and how I come here. I come from Warsaw. I deal in lottery tickets.

ALL

What's that?

MISCHIEF

Prize tickets. You pick a number and you win money. With such a ticket it's very easy to become a rich man. It's now Hanuka time, so I've come for a few days to you in Dubrovne. I know that every night there are people sitting in every Jewish home, so I go up and show my tickets. I have from Brunschweig, Leipzig, Warsaw. (Takes lottery tickets out of his wallet.). You hear? You can win fifty thousand at one time and all of a sudden you become a rich man.

PESENYU

How much? Oy, my teeth.

MISCHIEF

Fifty thousand rubles.

PESENYU

You hear, Hershele?

DOBE

You hear, Hatskl?

HERSHELE

I am very sorry that you exerted yourself for nothing. So, as you're here already, warm yourself. We don't drive anyone from the house, God forbid. Sholom aleichem. (Gives him his hand) Sit. What's your name.

**מזיק** — זעצט זיך. מײַן נאָמען איז אוריאל מזיק.

**דאָבע** — מזיק גאָר? נישט דאָ געדאַכט.

**ציפּעניו** — שטיל. מאָטל, דו הערסט אַ נאָמען?... גיט אים אַ קניפּ. מזיק! כאַ, כאַ! זיי שפּילן און לאַכן. מזיק! כאַ, כאַ! זיי שפּילן און לאַכן.

**כאַצקל** — מענטשן מאַכן זיך אַ געשעפֿט, האַנדלען מיט דעם, וואָס עס וועט זיך אַ מאָל טרעפֿן. נאָך מײַן שׂכל נאָך, פֿאַרקויפֿסטו עפּעס? ווײַז מיר שוין די סחורה אויף דער פּאָליצע.

**מזיק** — ווײַזט אַ לאָטעריי־צעטל. דאָס איז די סחורה. עס איז אַ פּאַפּירל? פּאַפּירענע געלט איז אויך נישט קיין סחורה, פֿון דעסט וועגן איז דאָס רײַכקייט. אין די גרעסטע באַנק־געשעפֿטן, אויף די בירזשעס, זעט מען אויך ניט קיין סחורות און נאָר דורך פּאַפּירלעך גיט מען איבער פֿון איין האַנט אין דער אַנדערער מיליאָנען, מיליאַרדן! אמת, דאָס צעטל איז נישט קיין געלט, אָבער שטעלט אײַך פֿאָר,



פֿאַר אַ פּאָר רובל קויפֿט איר אַ מעגלעכקייט צו געווינען דאָס גרויסע געווינס, און איר קריגט טויזנט מעגלעכקייטן צו געווינען לכל הפּחות אַזוי פֿיל, אַז דאָס שפּילן זאָל אײַך גאָר נישט קאָסטן. איך לאָז אײַך איבער אַזאַ צעטל און נעם נישט בײַ אײַך איצט קיין גראָשן געלט. איר הערט? פֿאַר גאָרנישט קריגט איר פֿון מיר אַ האָפֿענונג אין קעשענע, אַז אין אַ קורצער צײַט אַרום ווערט איר אַן עושר. אַז אַנשטאָט צו לעבן אין אַן ענגער, פֿינצטערער, קאַלטער שטוב, מיט אויסגעשלאָגענע פֿענצטער און צעבראָכענע בענקלעך — וועט איר לעבן אין אַ שיינער, וואַרעמער, ליכטיקער דירה מיט גרויסע חדרים, מיט שיינע מעבל, מיט טײַערע קאָוויאָרן אויפֿן פּאָל. אַזאַ האָפֿענונג נאָר צו האָבן איז דאָך שוין עפּעס ווערט... אָן אַזאַ צעטל קענט איר דאָך אַפֿילו נישט האָפֿן ווען עס איז פֿון זיך אַראָפּצוּוואַרפֿן דעם קבצן...

**הערשעלע** — ליבער פֿרײַנד, איך נעם האָפֿענונגען נאָר בײַ מײַן פֿאָטער אין הימל, און וואָס איך געווין בײַ אים, דאָס איז מײַן געווינס... וואָס ער גיט מיר, מיט דעם בין איך צופֿרידן. ווי? האָפֿן אויף אַ פּאַפּירענעם צעטל, ווען איך האָב אַ גוטן אַלמעכטיקן פֿאָטער אין הימל?!

**מזיק** — וואָס הייסט, ער גיט אײַך? פּרוּווט, אַדרבה, טוט גאָר נישט און פֿאַרלאָזט אײַך, ער זאָל אײַך אַראָפּוואַרפֿן פֿון הימל, וועט איר ניט שטאַרבן פֿון הונגער? לייזער טרינקט בגנבֿה. זעט איר דען נישט, אַז אויף דער וועלט האָט נישט דער וואָס וואַרט מען זאָל אים געבן, נאָר דער וואָס האָט שׂכל און נעמט אַליין? יאָ, אונדזער גוטער, אַלמעכטיקער פֿאָטער אין הימל גיט אײַך שׂכל, איר זאָלט לעבן ווי אַ מענטש, און אויב איר ווילט דווקא לעבן ווי אַ בהמה, אָך, מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן. כאַ, כאַ, כאַ! וואָס הייסט, איר קענט נאָר האָפֿן צו אים? וואָס מיינט איר, עס וועט זיך טרעפֿן צוליב אײַך אַ נס? גיט אַ קוק, אָט שפּילן די יונגע־לײַט אין דריידל. נעמט דאָס דריידל. דאָ איז אויפֿגעשריבן: „נ“, „ג“, „ה“, „ש“ — נס גדול היה שם. דער „נון“, דאָס הייסט דער „נס“, געווינט נישט. דער „שין“,



דאָס הייסט „שם“, דאָרט, געווינט אויך נישט. וואָס דען געווינט? „ג“ — גדול, דאָס וואָס איז גרויס, פֿעיִק, באַגאַבט. וואָס געווינט נאָך? דער „ה“, דאָס הייסט, היה, דאָס וואָס איז געווען, דער פֿאַקט, די ווירקלעכקייט. אַ נס געווינט נישט, ניין! דאָס וואָס איז דאָרט, ווייס איך ווו, וואָס מען זעט נישט און מען באַגרײַפֿט נישט, דאָס געווינט נישט. ע, זײַט נישט קיין ייִד...

**הערשעלע** — גאָט איז מיט אײַך! וואָס הייסט, איך זאָל נישט זײַן קיין ייִד, חלילה?

**מזיק** — עס רעדט זיך אַזוי, דאָס הייסט, זײַט נישט קיין אײַנגעשפּאַרטער מענטש און נעמט דאָס צעטל. איך פֿאַרזיכער אײַך, איר וועט געווינען פֿופֿציק טויזנט. איר הערט? אָן מי, אָן לײַדן, אָן קאָפּדרייעניש — פֿופֿציק טויזנט רובל!

**הערשעלע** — אוי, ווי איז מיר! לאָזט מיך צו רו, איך בעט אײַך. וואָס הייסט, איך וועל געווינען פֿופֿציק טויזנט? בײַ וועמען וועל איך זיי געווינען? ווער וועט עס מיר אומזיסט געבן פֿופֿציק טויזנט? אַז איך וועל זײַן גליקלעך און וועל געווינען, וועלן דאָך זײַן אַזוינע אומגליקלעכע, וואָס וועלן די פֿופֿציק טויזנט פֿאַרשפּילן, חלילה. איך וועל דאָס נישט טאָן! בלײַבט פֿאַרטראַכט.

**לייזער** — אַן עושר לעבט אָן אַ מאַראַקע און ער גיט אַ סך צדקה. די צדקה אין פּושקע, אַ ווילטאָג אין קישקע. דערשרעקט זיך. איך... איך וויל זאָגן, הערשעלע, אַז דאָס געלט, וואָס מען געווינט, צאָלט־אויס די קאַזנאַ[9]... וואָס אַרט דיך? זאָל זי צאָלן. גייט צו מזיק. שש! האָט קיין פֿאַראיבל נישט, איך האָב אײַך געוואָלט פֿרעגן. אויפֿן אויער. וויפֿל איז דער זייגער? זעצט זיך צוריק.

**הערשעלע** — און, אַחוץ אַלע זאַכן, נאָך וואָס דאַרף איך אַזאַ אוצר מיט געלט? איך וועל גאָרנישט וויסן, וואָס מען טוט מיט דעם.

---

[9] מלכות, מלוכהשע קאַסע.

MISCHIEF

My name is Uriel Mischief.

DOBE

Mischief, no less? Not to be thought of.

TSIPENYU

(Quietly) Mottel, have you ever heard such a name? (Pinches him) Mischief! (THEY play and laugh.)

HATSKL

People do business, they deal in what will happen some day. According to my sense, if you're selling something, show me the plain merchandise on the shelf.

MISCHIEF

(Shows a lottery ticket) This is the merchandise. It's a little piece of paper. Paper money is also no merchandise. Nevertheless it is riches. In the biggest banking businesses, on the bourses, they don't see any merchandise either, but millions pass from one hand to the other only by little pieces of paper. True, this ticket isn't money, but imagine, for a few rubles you buy a possibility to win the big prize and you get thousands of possibilities to win at least the amount it cost you to play. I leave a ticket like this for you and take from you now not one groshn of money. You hear? For no money at all you get from me a hope in your pocket that in a short time you will become a rich man. Instead of living in a narrow, dark, cold house with knocked-out windows and broken chairs, you'll live in a beautiful, warm, light apartment with big rooms, with beautiful furniture, with expensive delicacies on the pantry shelf. It's worth something just to have such a hope. Without such a ticket, you can't even hope to ever throw off the pauper's life.

HERSHELE

Dear friend, I draw hope only from my father in heaven, and what I win from him, that is my prize. What he gives me, that is what I am happy with. Why hope from a paper ticket, when I have a good all powerful father in heaven?

~~MISCHIEF~~ brilliant

What do you mean, he gives you? Try it. Do nothing and depend that he'll throw your food down from heaven. Won't you die from hunger? (LEYZER drinks furtively.) Don't you see that in the world he who waits to be given doesn't get? Only the one who has sense and takes for himself? Yes, our good all-powerful father in heaven gives you sense so you can live like a human being, and if you insist on living live like an animal - ah, be my guest. What do you mean, you can draw hope only from him? What do you think, a miracle will happen for your sake? Take a look, the young people are playing. (Takes the dreydl) There it's written *Nun, Gimel, Hey, Shin.* A great miracle happened there. The *Nun*, which means the *nes*, the miracle, doesn't win. The *Shin*, which means *shom*, there , doesn't win either. What does win? *Gimel, godol*, great, clever, talented. What else wins? The *Hey*, that means *hayo*, what took place, the fact, the truth. A miracle doesn't win, no. What's over there, I don't know where, what nobody sees and nobody grasps, that doesn't win. Ah, you're no Jew.

HERSHELE

God be with you! What do you mean, I'm no Jew, god forbid.

MISCHIEF

A figure of speech. I mean, don't be stubborn, take the ticket. I guarantee you, you will win fifty thousand. You hear? Without labor, without suffering, without turning your head around - fifty thousand rubles!

HERSHELE

Oy, woe is me. Let me alone, I beg you. What do you mean, I will win fifty thousand? Who will I win it from? Who will give me fifty thousand for free? If I am lucky and win, then there will have to be unlucky ones who will lose this fifty thousand, God forbid. I won't do it. (Remains thoughtful)

LEYZER

Whenever a beggar knocks,/ The rich man drops coins in the box./ For charity a tenner,/ And then he eats his dinner. (Gets scared) I.. I want to say, Hershele, that that money that one wins is paid by the treasury. What do you care? Let them pay. (Goes to MISCHIEF) Sshh. Excuse me, I wanted to ask you (In his ear) What time is it? (Sits down)

HERSHELE

And besides everything else, what do I need such a treasure of money for? I don't even want to know what one does with it.

# צווייטער אַקט

אַ רײַכער זאַל. לייזער זיצט אויף אַ פּאָטערשטול און מאַכט אַ מײַזעלע פון זײַן גרויסן רויטן נאָזטיכל. ציפּע שטייט בײַם שפּיגל און פלעכט אירע צעפּ. אויף אַ טישל אין פוטליאַר ליגט הערשעלעס פידעלע.

**לייזער** — גנבֿעט זיך צו צו איר. קרע! אַיאַ, דו האָסט זיך דערשראָקן פֿאַר דעם מײַזעלע? שש! אַז דו וועסט חתונה האָבן פֿאַר מאָטלען, וועל איך פֿאַר דײַנע שרצימלעך מאַכן אַזעלכע חיהלעך.

**ציפּעניו** — וואָס הייסט, איך וועל חתונה האָבן פֿאַר מײַן שוועסטערס חתן?

**לייזער** — שש! קוקט זיך אַרום דערשראָקן. נישט גערעדט און נישט געטענהט. זעצט זיך אין אַ ווינקעלע.

**ציפּעניו** — זיידע, זאָגט דעם אמת: אײַך געפֿעלט דאָס, וואָס מיר זײַנען איצט אַרײַן אין די הויכע פֿענצטער? איך פֿיל, גלײַך איך זאָל טראָגן דעם פֿעטערס קאַפּאָטע. עס איז עפּעס ניט צוגע־שניטן צו דער מאָס. כאַ, כאַ, כאַ! אויף מײַן וואָרט, ווען די שיך זײַנען געווען פֿאַרבונדן מיט אַ קרײַקע, האָט עס בעסער געסקריפּעט.

**לייזער** — קעצל, עס איז נאָר פֿון וואַנען דײַנע קבצנישע גע־וווינהייטן ועלן זיך אויסוועבן. אָט, איך פֿיל זיך בעסער, ווײַל איך בין אַ געבוירענער גבֿיר. שוטה, איז דען דאָס שלעכט, וואָס מען עסט אַלע טאָג ראָסלפֿלייש מיט ווײַסער חלה און מען קען אָפּט אַ זופּ טאָן אַ קאַפּיטשקע? איז ער געגאַנגען צו דערלאַנגען...

**ציפּעניו** — כאַפּט־אונטער. אַ ביסל משקה פֿון דער פֿליאַש־קע. ע, איר וויסט, מען לאַכט פֿון אונדז. מען רופֿט אונדז: די נײַע געבאַקטע גבֿירים.

**לייזער** — וואָס מיינסטו, אַן אַלט געבאַקענער גבֿיר איז געשמאַקער? איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך וואָלט געווען גאַנץ



צופֿרידן, ווען... ווען... קום אַהער, איך וועל דיר זאָגן בסוד. זי לויפֿט צו אים; ער זאָגט איר אין אויער. ציפּעניו, בײַ מיר איז נישט ווי בײַ אַלע מענטשן. ציילנדיק די ווערטער. בײַ לײַטן האָט אַ זון דרך־ארץ פֿאַר אַ טאַטן און איך האָב מורא פֿאַר הערשעניו.

**ציפּעניו** — וואָס האָט איר מורא, ער וועט אײַך אָפּשמײַסן?

**לייזער** — יאָ! יאָ! פּשוט מורא. איך מאַך זיך האַרץ. כּלו־מרשט, איך בין אַ העלד. אָבער איך שרעק זיך פֿאַר אים. מיטן מויל בדחן איך זיך, אָבער דאָ פֿיל איך זיך גאָר נישט פּסחדיק. איך בין אַ קליין מענטשעלע און ער צעקוועטשט מיך מיט זײַן לומדות, מיט זײַן פֿרומקייט, מיט זײַן גוטסקייט. אַז ער איז דאָ ווערט לייזער בדחן נאָך מיט צוויי וויערשקעס [13] קלענער ווי ער איז, ציפּעניו. און איצט, זינט ער איז געוואָרן אַ נגיד, ווען ער גיט אַ קוק אויף מיר מיט זײַנע קאַלטע פֿאַרטראַכטע אויגן, הייבט מיך אָן קיצלען אין דער פּאָטילניצע [14]. אַ פּנים, פֿון געלט קריגט מען אַ פֿראָסט אין די אויגן... קינד, איך בין אַ קליין מענטשעלע און קען זיך קיין אָרט נישט געפֿינען.

**ציפּעניו** — איר זײַט אַ קליין מענטשעלע און איר האָט ליב אַ גרויס גלעזעלע.

**לייזער** — יאָ, אַ קליין מענטשעלע בין איך איצט. אָבער עס איז געווען אַ צײַט, אַמאָל, שוין לאַנג, ווען איך בין געווען אין מײַן פֿאַך גרויס און באַרימט. ווען איך פֿלעג קומען אויף אַ חתונה, פֿלעגט מען ווײַזן אויף מיר מיט די פֿינגער, אַלע ווײַבער פֿלעגן אָנהייבן ברומען, אַלע מיידלעך קוויטשען פֿון פֿריד: דאָס איז ער! דאָס איז ער! און אַז איך פֿלעג זיך אַנידערשטעלן בדחנען, פֿלעגט ווערן שטיל ווי אין אַ שול צו שמונה־עשרה. מײַנע אויגן פֿלעגן זיך אָנצינדן מיט אַ פֿײַער. מײַן האַרץ פֿלעגט אָנהייבן פֿאָכען און פֿלאַטערן. אַלע קלעזמאָרים פֿלעגן פֿון מיר באַגײַסטערט ווערן. און דאָס ערשטע פֿידעלע פֿלעגט נאָך מײַן באַגער וויינען און רידן...

וויי צו ונתנה תוקף פֿלעגן וויינען די ווײַבער! די כּלה האָט געגאָסן ביטערע טרערן. שיכּורע מאַנסבילן פֿלעגן ניכטער ווערן. אַ, עס איז געווען אַ גוטע, אַ זיסע, אַ שיינע צײַט! בלײַבט זיצן טרויעריק.

**ציפּעניו** — זיידעניו, וואָס האָט איר אײַך פֿאַרזאָרגט? אַז איר ווילט, וועלן מיר באַלד דאָ שפּילן אַ חתונה? שטעלט אײַך פֿאָר, איך בין אַ כּלה. אָט זעץ איך זיך אַנידער און פֿאַרשלייער זיך. דעקט־צו דעם קאָפּ מיט אַ טיכל. אַזוי שפּילן זיך איז ניט שלעכט. לאַכט.

**לייזער** — דו ווילסט הערן? נו, מהיכא תיתי. מאַכט אַ פֿי־דעלע, טע דע דע דאָם. זינגט ווי מען באַזעצט אַ כּלה און שטעלט זיך אויף אַ בענקל. אַ, וויין, כּלהלע, וויין, עס וועט שוין נישט זײַן, וואָס עס איז געווען...

**ציפּעניו** — מאַכט זיך, זי וויינט. אײַ, אײַ, אײַ! ווישט כּלו־מערשט די טרערן און כליפּעט.

[13] (רוסישע מאָס). — [14] נאַקן.

## Act Two

(HERSHELE's rich new living room. LEYZER sits and makes a little mouse by folding his big red hanky. TSIPE stands at the mirror braiding her hair. HERSHELE's violin lies in its case on a table.)

LEYZER
(Steals over to her) Peep! You were frightened by the mousie, weren't you? Sshh. When you marry Motele, I'll make little animals like this for your little bugs.

TSIPENYU
What do you mean: when I marry my sister's bridegroom?

LEYZER
Shh. (Looks around, frightened.) Nothing heard, nothing said. (Sits in corner.)

TSIPENYU
Grandfather, tell the truth. Are you glad that we're so grand now? I feel just as if I were wearing Uncle's silk coat. It doesn't fit somehow. Honestly, when my shoes were tied up with a string, they squeaked better.

LEYZER
Kitten, it's only till your pauperish habits get used to it. Me, I feel good here already because I was born to be a rich man. Little Silly, is it so bad to eat pot roast with white bread and to be able to take a little drop every so often? (Sings) "So off he toddled/ With his bottle-"

TSIPENYU
(Joins in) "Drank his liquor/ Quicker and quicker." You know, people laugh at us. They call us the fresh-baked rich folks.

LEYZER
What do you think, stale rich folks taste better? I'll tell you the truth, I would be totally happy if... if... come here, I'll tell you a secret. (HE speaks in HER ear.) Tsipenyu, it's different with me. Among nice people, a son has respect for his father, but I am afraid of Hershenyu.

TSIPENYU
What are you afraid of, that he'll hit you?

LEYZER
Pure and simple, afraid. I gather up my courage like a hero, but I am scared of him. With my mouth I jest, but really I don't feel at all kosher for Passover. I'm a little man, and he

crushes me with his learning, with his piety, with his goodness. When he's there, Leyzer the Jester becomes two feet smaller, Tsipenyu. And now since he has become rich, when he gives me a look with his cold closed eyes, a tickle begins in the nape of my neck. Money ~~frosts~~ the eyes, over I am a little man, Child, but I can't find a place for myself here.
seems to frost

TSIPENYU
You're a little man and you love a little drop.

LEYZER
Yes, I'm a little man now. But there was a time, once upon a time, long ago, when I was great and famous in my profession. When I arrived at a wedding, people used to point me out with a finger. All the women used to whisper, all the girls used to shriek with joy, "That's him! That's him!" And when I settled down to jesting, it used to get quiet like in synagogue during the silent prayer. My eyes used to spark up with a fire, my heart used to begin to fan and flutter, all the musicians were inspired, and the fiddle used to cry and speak according to my will. The women used to cry like the Day of Atonement. The bride poured bitter tears. Drunkards became holy. It was a good, sweet, lovely time.

TSIPENYU
Grandpa dear, what has upset you? If you want, we 'll make a wedding right here. Imagine that I'm a bride. Here I'll sit myself down and put on my veil by myself (Covers HER head with a shawl) I don't mind this kind of game.

LEYZER
You want to hear? Nu, then. The fiddle goes Te De De Dum. (Sings the tune for veiling the bride and then stands on a chair.) Ah, weep, little bride, pour out your tears./ Now bid farewell to all your happy childhood years.

TSIPENYU
Oy Oy Oy! (Pretends to sob and wipe tears.)

debate over free will





**ציפּעניו** — איר פֿאַרשטייט, וואָס זיי רײדן? זיי רײדן איצט אויף קמיע־לשון. נום[16] איך בעסער גיין צום זיידן. ער איז אַוועק פֿון דאַנען ווי אַן אָפּגעשמיסענער, נעבעך. אַראָפּ.

**מזיק** — איר זאָגט, דער מענטש האָט אַ פֿרײַען ווילן? ע, איר פּרוווט דעם ציגאַר. עס איז אַן אויסגעצייכנטער ציגאַר, זאָג איך אײַך.

**הערשעלע** — ווייס איך. אַנו, גיט, לאָם איך פּרווון. פֿאַררייכערט.

**מזיק** — אַ פֿרײַער ווילן, זאָגט איר? נו, יאָ, מען זעט דאָך. נו, קען זײַן אַ פֿרײַער ווילן, אַז דער ווילן איז פֿאַרצוימט, פֿאַרשמידט? ווען דאָס, וואָס איר ווילט דאַרפֿט איר זיך נישט דערלויבן; דאָס, וואָס אײַך געפֿעלט, איז פֿאַרבאָטן; דאָס, וואָס איר פֿאַרלאַנגט איז נישט דערלויבט דורך געזעצן, זיטן, מינהגים, פֿאַלשע מיינונגען, נאַרישע געוווינהייטן... ניין, ווי באַלד עס עקסיסטירט „מען טאָר“ און „מען טאָר נישט“, מוז דער ווילן זײַן פֿאַרקריפּלט. אָבער מיר לאָזן זיך אַרײַן צו טיף אין חקירה. איך דאַרף מיט אײַך רײדן פֿון געשעפֿט.

**הערשעלע** — פּעסע, זײַ זשע מוחל, מיר דאַרפֿן דאָ רײדן. ווײַזט, זי זאָל אַרויסגיין.

**פּעסעניו** — אַמאָל, ווען דו פֿלעגסט שרײַבן ספֿר־תּורות, פֿלעג איך קענען זיצן, אַרבעטן אַ זאָק, קוקן און האָבן פֿאַרגעניגן פֿון דיר. און הײַנט? נו, זאָל זײַן אַזוי. אָפּ.

**הערשעלע** — אוי, זי האָט מיר דערמאָנט. איך קלײַב זיך נאָך אַלץ אָנפֿאַנגען שרײַבן אַ תּורה, וועלכע איך האָב צוגעזאָגט מנדבֿ צו זײַן, און קען זיך אַלץ קיין צײַט נישט געפֿינען.

**מזיק** — איר וועט מסתּמא שפּעטער געפֿינען צײַט, ר׳ הערש. איך וויל מיט אײַך רײדן פֿון זייער אַ וויכטיקן געשעפֿט. איך האָב אַ פּלאַן...

---

[16] זאָל.

**הערשעלע** — אוי, די געשעפֿטן! איך האָב מורא פֿאַר זיי. נישט אומזיסט האָבן די חכמים געזאָגט, אַז דער האַנדל איז אַ גזלנות... קרע! פֿאַרהוסט זיך פֿון דעם ציגאַר און וואַרפֿט אים אַוועק. פֿע!

**מזיק** — אַמאָל איז אפֿשר דאָס האַנדלען געווען אַ רויבערײַ; הײַנט איז דאָס אַ פֿרײַע קאָנקורענץ. איר נעמט מיט גוואַלד בײַ קיינעם נישט אַוועק. איר ווילט ריזיקירן מיט אײַער געלט און עפּעס אונטערנעמען? טוט! דער אַנדערער וויל אויך דאָס זעלביקע טאָן? קיינער פֿאַרווערט אים נישט. האָסט שׂכל, וועסטו פֿאַרדינען. האָסט נישט קיין שׂכל? וועסטו ברעכן דעם קאָפּ... הערט, איך מיין, מיר זאָלן אויפֿהערן געבן געלט אויף פּראָצענט... ערשטנס, איר זײַט אַן ערלעכער ייִד, און אײַך פּאַסט עס גאָר נישט. אמת, מיר גיבן געלט נאָר מיט אַ שטר עסקא, אין וועלכן מיר שרײַבן, אַז דער פּראָצענט, וואָס מיר נעמען, איז קיין פּראָצענט נישט. אָבער נאָך וואָס זאָלט איר נאַרן גאָט מיט אַזאַ פֿאַרטל? דאָס וואָלט מיך נאָך נישט אַזוי געאַרט. אַ דאגה, נאַרט אים, אַז ער לאָזט זיך...

**הערשעלע** — אוי, ר׳ אוריאל, זײַט איר אַן אײַזערנער אַפּיקורס! הארט־אויס! גאָט וועט אײַך אָפּגעבן דערפֿאַר מיט פּראָצענט און אָן אַ שטר עסקא, כע, כע!

**מזיק** — צווייטנס, אין אַזאַ קליינעם שטעטל וועלן אונדזערע פּראָצענט־אָפּעראַציעס נישט קענען פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסן באַנקגעשעפֿט, און מיר קענען שטענדיק האָבן קבצנישע קליענטן מיט קליינע הלוואות... קבצנים טויגן בעסער צו אַן אַנדער זאַך, פּשוט צו דער אַרבעט, אָבער נישט צו פּראָצענט.

**הערשעלע** — ר׳ אוריאל, איך ווייס נאָר איין זאַך: וואָס מיר זאָלן נישט טאָן מיט געלט, איז עס נישט ספֿרי־תּורות שרײַבן. ווען איך האָב געשריבן אַ ספֿר, האָב איך געוווּסט, אַז איך וועל דערפֿון קיין עושר ניט ווערן, איך האָב זיך אָבער מיט דעם געפֿילט גליקלעך, וואָס איך האָב געטאָן אַ הייליקע אַרבעט, אַ מלאכת אלקים. אַ פּנים די באַפֿרידיקונג ליגט נישט אין דער זאַך אַליין, וואָס מיר



טוען, נאָר אין דעם ציל, צוליב וואָס מיר טוען דאָס. וואָס איז דער ציל פֿון רײַכקייט?

**מזיק** — אוי, הערט־אויף צו זײַן אַ בעל־חלום. זײַט אַ פּראַקטישער מענטש און האָט פּראַקטישע צילן.

**הערשעלע** — אַז איך ווייס נישט, נאָך וואָס דאַרף איך דאָס?

**מזיק** — טײַערער פֿרײַנד, זאָגט מיר נאָר, איר וואָלט געוואָלט ווערן צוריק אַ קבצן, וואַלגערן זיך אין אַ פֿינצטערער, קאַלטער דירה, גיין באָרוועס און נאַקעט און עסן בולבע מיט ברויט?

**הערשעלע** — דעם אמת געזאָגט: ניין! אָבער אַז איך בין זאַט און אָנגעטאָן, נאָך וואָס זאָל איך זוכן נאָך מער עשירות? איך וועל דען קענען עסן פֿינף וואַרעמעסן און טראָגן זיבן קאַפּאָטעס?

**מזיק** — נאָך וואָס? וואָס רײַכער איר וועט זײַן, וועט איר ווערן אַלץ פֿרײַער, שטאַרקער, קליגער. איר וועט האָבן מער כּבֿוד, מער פֿאַרגעניגן. איר וועט קענען מאַכן גליקלעך זיך און אײַערע קינדער נאָך אײַך. יאָ, יאָ, איר קענט נאָך האָבן קינדער! איר זײַט אַ יונגער מאַן, פֿול מיט לעבן, מיט קראַפֿט.

**הערשעלע** — קינדער? אוי, רעדט מיר נישט דערפֿון. איך בעט אײַך. דאָס רופֿט בײַ מיר אַרויס שרעקלעכע, זינדיקע געדאַנקען.

TSIPENYU

Do you understand what they're talking about? They're talking magic spell language. Let's go to grandpa instead. He crept away looking beaten, poor thing. (Exit.)

MISCHIEF

You say that a man has free will? Try the cigar, I tell you it is a remarkable cigar.

HERSHELE

What do I know? Nu, all right, I'll try. (Smokes)

MISCHIEF

Free will, you say? How free can it be if the will is blocked? When what you want, you must not permit yourself; what pleases you is forbidden; what you long for is not allowe by laws, quotations, customs, false opinions, foolish habits? No. As soon as it's a matte of one should or one shouldn't, the will is crippled. However, we are getting too deeply into analysis. I need to talk business with you.

HERSHELE

Pesi, forgive me, we have to talk. (Gestures SHE should leave)

PESENYU

Once upon a time, when you used to copy torahs, I used to be able to sit and darn a sock, and watch and enjoy you. And nowadays? Nu, let it be so. (Off)

HERSHELE

Oy, she reminded me. I keep meaning to begin to copy a torah that I promised to donate, but I can never find the time.

MISCHIEF

Probably you'll find time later. Reb Hersh, I want to talk to you about a very important business. I have a plan.

HERSHELE

Oy, business plans. I'm afraid of them. Not for nothing did the wise men say that commerce is robbery. (Coughs from the cigar and throws it away) Feh.

MISCHIEF

Once upon a time maybe commerce was robbery. Today it is free competition. You're not taking anything away from anyone by violence. You want to risk your money and undertake something? Do it. Someone else wants to do the same thing? No one prevents him. If you're smart, you'll earn. If you're not smart, you'll break your head. Listen, I think we should stop loaning money for interest. First of all, you are an honorable Jew, so you shouldn't do it. True, with the the money we always give a paper that says that the percentage that we take isn't interest. But why bother fooling God with legal fictions? Not that I mind that so much: if God lets himself be fooled, then the more fool God.

HERSHELE

Ah, Reb Uriel, you are a stubborn heretic. Be careful, God will pay you back with interest and without a paper.

MISCHIEF

Second of all, in such a little village, our loan operations can never expand into a big bank operation. We can always find paupers to borrow from us. But paupers are more suited for use as labor.

HERSHELE

Reb Uriel, I only know one thing: whatever we do with the money, it isn't like copying torahs. When I copied a torah, I knew it wouldn't make me a rich man, but I felt happy because I had done a holy work, a *godly labor*. Evidently happiness lies not only in the thing we do but in the reason why we do it. What is the reason for wealth?

MISCHIEF

Oy, stop being a dreamer. Be a practical person and have practical goals.

HERSHELE

But I don't know my reason.

MISCHIEF

Dear friend, just tell me you 'd like to be a pauper again, in a dark cold little house, going barefoot and naked and eating bread and chickpeas.

HERSHELE

To tell the truth, no. But once I am satisfied and dressed, why seek more riches? Can I eat five suppers and wear seven overcoats?

MISCHIEF

The richer you are, the freer and stronger and smarter you'll be. You'll have more honor, more pleasure. You'll be able to make yourself happy and your children after you. Yes. Yes. You can still have children, you're a young man, full of life and power.

HERSHELE

Children? Ah, don't talk about that, I beg you. It calls up frightening, sinful thoughts.

מזיק — דער מענטש, וואָס האָט ענערגיע, שרעקט זיך נישט. ער דערגרייכט שטענדיק אַלץ, צו וואָס ער שטרעבט. אַ שוואַכער מענטש זינדיקט אָבער אין יעדן אויגנבליק מיט זײַנע געדאַנקען. דער שטאַרקער מענטש טוט־אָפּ מיט איין מאָל. איז דאָס אַ זינד, האָט ער איין מאָל געזינדיקט. איז דען בעסער טויזנט מאָל זינדיקן מיט די געדאַנקען איידער איין מאָל מיט אַ טאַטזאַך? אוי, זײַט נישט קיין צבֿועיאַק!

הערשעלע — דאָס איז אמת. גאָט ווייס דאָך שוין, אַז איך וויל זינדיקן, און אַז איך זינדיק מיט די געדאַנקען! אָבער ווײַל מיר האָבן מורא פֿאַר מענטשן, זײַנען מיר פֿאַלש און פֿאַרבאָרגן...

מזיק — אָבער, ר' הערשעלע, הערט־אויס מײַן פּלאַן: עס האַנדלט זיך אויך וועגן אַ הייליקער אַרבעט, אַ מלאכת אלקים. מיליאָנען ייִדן דאַרפֿן נאָך דערווײַלע האָבן טליתים. דאָ אין שטעטל ווערן די טליתים פֿאַבריצירט פֿון קליינע אונטערנעמערס אָדער פֿון די אַרבעטערס, פֿון די וועבערס אַליין. מיר וועלן דאָ עפֿענען אַ טליתים־פֿאַבריק מיט מאַשינען, דאַמף און אַלע זיבן זאַכן. די קליינע אונטערנעמערס וועלן אונדז מוזן אָפּרוימען דעם וועג און די אַרבעטערס וועלן מיט דאַנקבאַרקייט גיין אַלע צו אונדז אַרבעטן. באַרעכנט נאָר, וואָס איר טוט־אויף: איר באַשעפֿטיקט אײַך מיט אַ געטלעכער סחורה; איר גיט אַרבעט הונדערטער אָרעמע־לײַט; איר וועט דאָס גאַנצע שטעטל אָנפֿילן מיט קאָמערציע און פּרנסה; און די ערלעכע ייִדן וועלן קענען האָבן גוטע טליתים און ביליק... וואָרעם אונדז וועט זיך לוינען.

הערשעלע — זעט איר, דאָס געפֿעלט מיר. דאָס איז אַ גוטער פּלאַן! אַ זאַך, וואָס קען זײַן גוט און ניצלעך פֿאַר אַלע. דאָס געפֿעלט מיר! ר' אוריאל, איר האָט אַ גוטן קאָפּ און איך מיין, אַז קיין בעסערן בעל־עצה האָט מיר גאָט ב"ה נישט געקענט צושיקן. יאָ, גאָטעניו פֿאָטער, דער פּלאַן געפֿעלט מיר. (זיפֿצט.)

מזיק — דער פּלאַן געפֿעלט אײַך, דער בעל־עצה, אַ דאַנק גאָט, געפֿעלט אײַך אויך, און דאָך זײַט איר עפּעס אַזוי אומעטיק. ר' הערשעלע, איר האָט יסורים. איך פֿיל, איר טראָגט אין האַרצן אַ פֿאַרבאָרגענעם ווייטיק. (פּלוצלינג פֿריידעניוס שטימע. זי זינגט „מזמור לדוד". זיי בלײַבן שטיל. מזיק באַטראַכט אים.)

הערשעלע — ר' אוריאל, איר זײַט אַ קלוגער מענטש. איר זײַט מיר געוויס נישט קיין שונא. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט אײַך זיך אַן עצה האַלטן... אויף זיך אַליין האָב איך מורא צו פֿאַרלאָזן זיך אין אַזאַ זאַך... עס איז נישט קיין קלייניקייט... און... און... איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת: אויב איך זינדיק אָפֿט מיט מײַנע געדאַנקען, אויב איך טראָג אַ ווייטיק אין האַרצן, זײַט איר אין דעם אויך אַ ביסל שולדיק.

מזיק — איך? גאָט איז מיט אײַך!

הערשעלע — נאָך לאַנג... דעם ערשטן אָוונט, ווען איר זײַט געווען בײַ אונדז... האָט איר געזאָגט, אַז... אַז פֿריידעניו... מײַן ווײַבס פּלימעניצע... אַז...

מזיק — וואָס האָב איך, חלילה, געקענט זאָגן פֿון פֿריידעניוס אירענטוועגן? איך האָב געזאָגט, אַז זי איז שיין ווי אַ רויז אין מאָנאַט מײַ, רייצנדיק ווי די שטראַלן פֿון דער זון... אַז אירע צוויי אויגן זײַנען ווי לײַכטנדיקע שטערן... איר שטימע ווי די מוזיק פֿון מלאכים... אירע ציין געטאָקט פֿון פּערל־מוטער... אירע ליפּן ווי צוויי רויטע רובינען... איר האַלדז געשניצט פֿון מאַרמאָר?... אָדער... וואָס האָב איך געזאָגט?

הערשעלע — בײדע זײַנען זיי אויסגעוואַקסן בײַ מיר אין שטוב, אָבער זי איז מיר שטענדיק געווען ליבער. מיט אײן וואָרט האָט איר אויסגעגראָבן אַ געדאַנק, וואָס איז געווען טיף באַהאַלטן, פֿון וועלכן איך האָב פֿריִער קיין צײַט און קיין העזה געהאַט צו טראַכטן... איצט וויל איך דעם געדאַנק צוריק באַגראָבן און ער האַלט זיך שטאַרק אין מײַן מוח... איך טרײַב אים פֿון זיך און ער לאָזט מיך נישט אָפּ. גאָטעניו, איך ווייס נישט, וואָס זאָל איך טאָן?

מזיק — גאָט האָט געשאַפֿן אינעם מענטשנס לעבן פֿיל פֿרייד און גליק. דער מענטש דאַרף נאָר איינס טאָן: לעבן און געניסן. נאָר איין מאָל לעבט מען אויף דער וועלט. ר' הערשעניו, די צײַט שטייט נישט, די יאָרן פֿליִען, די לוסט גייט־אַריבער.

הערשעלע — וואָס רעדט איר דאָס? דאָס איז נישט קיין ייִדישע רייד, נישט קיין ייִדישע געדאַנקען! לאָזט מיך! (מזיק האַלט אים.) לאָזט מיך! איר ווילט מיך פֿאַרגיפֿטן מיט אײַערע אַפּיקורסישע געדאַנקען! איר ווילט מאַכן אַ תּל פֿון מײַן לעצטן פֿונק ייִדישקייט! לאָזט!

מזיק — שאַ! וואָס מאַכט איר אַזאַ ליאַרעם? טוט, ווי איר פֿאַרשטייט. איך זאָג אײַך נאָר, עס זײַנען דאָ געפֿילן, וועלכע רײדן צום ייִדן, ווי צו יעדן מענטשן. פֿאַרקערט, אויב איר זײַט אין דער אמתן אַ פֿרומער, כּשרער ייִד, ווי קענט איר לעבן מיט אַן עקרה העכער צען יאָר? ווייסט איר דען נישט, אַז דאָס ווערט גערעכנט פֿאַר אַזאַ חטא, ווי אונן בן יהודה האָט געטאָן, און עס קען זײַן, איר זײַט גאָר חייבֿ מיתה דערפֿאַר? און אַחוץ אַלע זאַכן טאַקע: וואָס איז דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט אָן קינדער? פֿאַר וואָס זאָלט איר אַליין רויבן בײַ זיך דעם גרעסטן נחת, די גרעסטע נחמה? איר האָט איצט גענוג מיטלען אײַער ווײַב צו פֿאַרזאָרגן ביזן טויט... זי וועט קענען לעבן בעסער ווי איר האָט זיך אַמאָל געחלומט... איר ווילט מיך פֿאָלגן? טראַכט נישט, וואַקלט זיך נישט — גענומען און געטאָן, און שוין... בײַ אונדז, ייִדן, טרעפֿן זיך אַלע טאָג אַזעלכע זאַכן... גרויע, גרײַזע זקנים גטן זיך מיט זייערע אַלטע ווײַבער און נעמען

MISCHIEF

The man who has power isn't afraid of it. He always reaches whatever he strives for. A weak man sins constantly in his thoughts. But the strong man gets it all over with at once. If it's a sin, he sinned once. Is it better to sin a thousand times in thought or once in deed? Oy, don't be a hypocrite.

HERSHELE

That is true. After all, God already knows that I want to sin and that I sin in my thoughts. We are false and hidden only because we are afraid of people.

MISCHIEF

Reb Hershele, listen to my plan. It also has to do with a holy labor, a *holy labor*. Millions of Jews need prayer shawls. Here in the village the prayer shawls are manufactured by small entrepreneurs or by the workers, the weavers, themselves. We'll open a prayer shawl factory right here with machines, steam, and everything. The small entrepreneurs will have to get out of our way, and the workers will be grateful to come work for us. Just count up what you accomplish: you're busy making godly merchandise, you give work to hundreds of poor people, you fill the entire village with commerce and livelihood. The righteous Jews will have good prayer shawls and we will have their good money.

HERSHELE

Look here, I like that. That is a good plan. Good and useful for everybody. Reb Uriel, you have a good head, and I think that God couldn't have sent me a better advisor. Yes, our God and father, I like the plan. (Sighs)

MISCHIEF

The plan pleases you, the advisor, thank God, pleases you too, and yet you are somehow so sad. Reb Hershele, you have sorrows. I feel you are carrying a hidden pain in your heart. (Suddenly offstage the voice of FREYDENYU, HERSHELE's older niece, singing the setting of the Psalm of David which HERSHELE played on the violin in Act One. THEY listen.)

HERSHELE

Reb Uriel, you are an intelligent man. You are certainly not my enemy. For a long time I have wanted to get your advice. I am afraid to trust myself in such a matter. It's no small matter. And- and- I will tell you the truth: if I often sin in my thoughts, if I carry a pain in my heart, it's a little bit your fault too.

MISCHIEF

Mine? God be with you!

HERSHELE

For a long time... The first evening that you were with us, on Hanuka... you said that... that Freydenyu... my wife's niece... that...

MISCHIEF

What could I have said, God forbid, about Freydenyu? Did I say that she is pretty as a rose in the month of May, radiant as the beams of the sun, that her two eyes are like luminous stars, her voice like the music of angels, her teeth mother-of-pearl, her lips like two red rubies, her throat carved from marble? Or what did I say?

HERSHELE

Both girls grew up in my home, but she was always dearer to me. With one word you uncovered a thought which was buried deep, which I had never been bold enough to think until then. Now I want to bury the thought again, but it stays so strong in my mind. I drive it away, but it won't let go. God in heaven, I don't know what I should do.

MISCHIEF

God created much happiness and good fortune in human life. All man has to do is live. One lives in the world only once. Reb Hershenyu, time doesn't stand still, the years fly, joy passes.

HERSHELE

What are you saying? That is not Jewish talk, not Jewish thoughts. Let me go. (MISCHIEF holds HIM.) Let me go. You want to poison me with your heretic thoughts. You want to destroy my last spark of Jewishness. Let go!

MISCHIEF

Shh. What are you making such a fuss for? Do what you think best. I'm only saying that there are feelings which speak to Jews the same as to everyone else. In any case, if you are such a pious kosher Jew, how can you live with a barren woman more than ten years? You know that that is considered the sin of Onan ben Yehuda, which may even deserve the death penalty. Besides, what is a person's life in the world without children? Why are you robbing yourself of the greatest happiness, the greatest consolation? Now you have the means to provide for your wife till death. She will be able to live better than she ever dreamed.. You want my advice? Don't think, don't hang back: over and done with! Such things happen every day among us Jews. Gray old men divorce their old wives and take young girls. You, after all, are still a young man. Ah, you think too long about every little foolishness and then you have no resolution to do anything. (FREYDE's voice sings) Here she comes. Well, what do you know, I have forgotten to lock the strongbox. (Sings along) "*Yea, though I walk in the valley of the shadow of death,* I will fear no evil. (Ironically, to heaven) *for you are with me*.. you are with me." (Off)

יונגע מיידלעך... איר זײַט נאָך אַ יונגער מאַן. אָ, איר טראַכט צו פֿיל פֿון יעדער נאַרישקייט. דערפֿאַר האָט איר קיין אַנטשלאָסנקייט צו טאָן עפּעס. פֿריידע זינגט. האַ? זי גייט אַהער... אוי! וואָס זאָגט איר פֿאַרט? איך האָב פֿאַרגעסן צו פֿאַרשליסן די קאַסע. גייט און זינגט נאָך איר: „גם כי אלך בגיא צלמות, האָב איך נישט קיין מורא פֿאַר שלעכטס". צום הימל, איראָניש. „כי אתה עמדי..." דו ביסט מיט מיר. כאַ, כאַ, כאַ! אַפּ.

**הערשעלע** — האַרט־אויס, ר' אוריאל! בלײַבט... פּונקט איצט, נאָך די רייד, בלײַבן אַליין מיט איר, ווען דער גאַנצער גוף ברענט און דער קאָפּ איז צעמישט? דאַכט זיך, ווי ער רעדט, איז דאָס אַ גערעכטע זאַך... על־פּי דין בין איך אויך גערעכט... פֿון דעסט וועגן פֿיל איך אָבער דאָך, אַז מיר קומט נישט קיין קניפּ אין בעקעלע דערפֿאַר... מסתּמא איז דאָס דאָך נישט זייער כּשר... נישט לאַנג געטראַכט, זאָגט ער, גענומען און געטאָן... זעצט זיך נעבן טישל, ווו דאָס פֿידעלע ליגט. גאָטעניו, איך האָב מורא, איך האָב מורא, איך האָב מורא! ער קלאַפּט־צונויף די הענט און ציטערט אַזוי, אַז צוזאַמען מיט אים ציטערט דאָס טישל. פֿריידע קומט.

**פֿריידעניו** — פֿעטער, וואָס איז מיט אײַך? ער פֿאַרדעקט זײַן געזיכט. איר פֿילט זיך שלעכט, חלילה? וויל נעמען זײַן האַנט; ער לאָזט נישט. וואָס איז? איר זײַט בייז אויף מיר?

**הערשעלע** — יאָ, איך בין בייז, אָבער נישט אויף דיר, חלילה, איך בין בייז אויף זיך... איך בין בייז, ווײַל איך בין די לעצטע צײַט ביסלעכווײַז אַלץ געוואָרן אַן אַנדערער... פֿריידעניו, איך האָב מורא, איך בין שוין ניט הערשל דובראָוונער מער...

**פֿריידעניו** — איך זע, איך פֿיל און פֿאַרשטיי, אַז דער מאַן, וואָס רעדט איצט צו מיר, איז ר' הערשעלע דובראָוונער און נישט קיין אַנדערער...

**הערשעלע** — פֿריידעניו, דו ביסט אַ קלוגיטשקע. ביסט אַ גוטע. ביסט אַ כּשר קינד. און איך ווייס, דיר מעג מען זאָגן דעם גאַנצן אמת. הער: איך לעב שוין מיט דער מומע עטלעכע און צוואַנציק יאָר און מיר האָבן נישט קיין קינדער... זייער אויפֿגערעגט. יאָ, מיר האָבן נישט קיין קינדער... איך האָב צו איר, חלילה, גאָר נישט. זי איז אַ פֿרומע, כּשרע ייִדענע, און האָט מיר, חלילה, קיין מאָל נישט אָנגעטאָן קיין עגמת־נפֿש... אָבער... ע... פֿאַרשטייסט... אַן ערלעכער ייִד טאָר נישט לעבן מיט אַ ווײַב אַן עקרה. אַ ייִד דאַרף חתונה האָבן נאָר צוליב קינדער, אַז נישט טאָר מען גאָר נישט חתונה האָבן... און אַחוץ אַלע זאַכן וויל איך האָבן אַ קינד... כאָטש איין קינד... יאָ, ווײַ איז מיר. ווען איך זאָל האָבן איין זון! יאָ, פֿריידעניו, אַ פּנים איך וועל מוזן דער מומען געבן אַ גט.

**פֿריידעניו** — אָרעמע, אומגליקלעכע מומעניו, ווײַ איז מיר פֿאַר איר האַרץ!

**הערשעלע** — עס איז טאַקע, נעבעך, זייער אַ גרויס רחמנות אויף איר, אָבער זי איז אַן ערלעכע ייִדענע און וועט געוויס מקבל באַהבֿה זײַן דאָס, וואָס דער ייִדישער דין פֿאָדערט... הער, פֿריידעניו, איך האָב דיך געוואָלט פֿרעגן... ע... ע... שטעל זיך פֿאָר, איך האָב זי שוין אָפּגעגט און... און...

**פֿריידעניו** — איר דאַרפֿט גאָר נישט זאָגן מער! איך זאָל זײַן אַ פֿאַלשע, וואָלט איך זיך געמאַכט, אַז איך פֿאַרשטיי גאָר נישט און ווייס נישט פֿון וואָס צו זאָגן. איך וויל נישט זאָגן קיין ליגן, פֿעטער... נישט אומזיסט האָט עס מיר געגעבן אַ קלאַפּ ווי מיט אַ דונער איבערן קאָפּ, ווען... דעמאָלט... חנוכּה... צו דעם פֿינפֿטן ליכטל... איר געדענקט, ווען ר' אוריאל האָט געזאָגט... נישט אומזיסט ווער איך פֿאַרציטערט יעדעס מאָל, ווען איר גיט אַ קוק אויף מיר... אָבער פֿאַרגעסט נישט, זי איז מײַן צווייטע מוטער... און זאָל מיך גאָט שטראָפֿן, אויב איך וועל איר, חלילה, עפּעס בייז טאָן.

**הערשעלע** — קינד, ווער קען דאָס האָבן אַ האַרץ איר צו טאָן שלעכטס? אַז זי וועט נישט וועלן מיט איר גוטן פֿרײַען ווילן נעמען אַ גט, וועל איך זי נישט נייטן, חלילה... אָבער... אויב יאָ... און... און... אויב זי אַליין וועט אײַנוויליקן, אַז נישט אַן אַנדערע, אַ פֿרעמדע, זאָל פֿאַרנעמען איר פּלאַץ דאָ... וועסטו... ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. וועט... מיינסטו... אַז... אוי! פֿריידעניו, ווי שווער עס איז צו ריידן פֿון אַזעלכע זאַכן! זיי שווײַגן ביידע לאַנג. דו שווײַגסט?

**פֿריידעניו** — פֿעטער, איר פֿילט אַליין און איר ווייסט, וואָס איך קען ענטפֿערן... עס איז איבעריק צו ריידן.

**הערשעלע** — אָ, פֿריידעניו! פֿאַרגעס נישט, דו ביסט אַ יונג קינד, און איך בין צוויי און פֿערציק יאָר אַלט.

**פֿריידעניו** — אָ, וואָס רעדט איר? אין מײַנע אויגן זעט־אויס אַ יונגער־מאַן נעבן אײַך ווי אַ נאַרישער קונדס, אַ גאָרנישט. ווען איר זאָגט עפּעס, איז גלײַך ווי אַ נבֿיא רעדט, און וואָס איר טוט — טוט איר ווי אַן אײדעלער, אומגעווייִנלעכער מענטש. אָ, פֿעטער, ווען איר נעמט אײַער פֿידעלע און אײַערע אויגן ווערן באַגײַסטערט און דאָס פּנים ווערט באַלויכטן מיט אַ הימלישער ליכט, גלײַך ווי די שכינה רוט אויף אײַך... דאַן... דאַן... מיין איך, אַז מײַן האַרץ, מײַן זעל, מײַן לעבן, אַלץ געהערט נישט מער צו מיר... און איך דענק, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך זאָל קענען ביזן טויט בלײַבן אין דעם הויז, וווּ איר זײַט! ווען איך זאָל קענען בלײַבן בײַ אײַערע פֿיס. לאָזט זיך אַראָפּ מיט אַ געפֿיל פֿון פֿאַרגעטערונג צו

HERSHELE

Listen, Reb Uriel. Stay. Alone with her right after that talk, when my whole body is burning, and my head is mixed up The way he talks, it seems it's the right thing. According to law, also, I am right. Nevertheless, all the same, I still can't feel that it is kosher. Don't think so long, he says: over and done with. (Sits down at the table where the fiddle lies) God in heaven, I am afraid, I am afraid, I am afraid. (Strikes HIS hands together and trembles so that the table trembles with HIM. FREYDE enters)

FREYDENYU

Uncle, what is the matter? (HE covers HIS face) Do you feel sick, god forbid? (Wants to take HIS hand, but HE won' t let HER) What is it? Are you angry at me?

HERSHELE

Yes, I am angry, but not at you, God forbid. I am angry at myself. I am angry because lately I have gradually been becoming a different man. Freydenyu, I am afraid that I am no longer Hershele Dubrovner.

FREYDENYU

I see, I feel and understand that the man who is speaking to me now is Reb Hershele Dubrovner and no one else.

HERSHELE

Freydenyu, you are a clever little one, you're a good, kosher child, and I know I can tell you the whole truth. Listen. I've been living with Auntie some twenty years and we have no children. Yes, we have no children. I have nothing against her, God forbid. She is a pious kosher Jewish wife and has never, God forbid, caused me any heartache. But... You understand, a righteous Jew should not live with a wife who is barren. A Jew must marry just in order to have children. Except for children, you're not supposed to marry.

And besides, I want to have a child. One child at least. If I could have one son. Freydenyu, it seems I will have to divorce Auntie.

FREYDENYU

Poor unfortunate Auntie. Oh, her poor heart.

HERSHELE

It is a very great pity for her. It is. But she is a righteous Jewish woman and will certainly accept willingly what Jewish law commands. Listen, Freydenyu, I wanted to ask you. Eh, imagine that I have already divorced her and... and...

FREYDENYU]

You don't have to say any more. I would be false if I pretended I didn't understand and didn't know what to say. I won't tell a lie, Uncle. There was a reason why it struck me like a thunderclap over my head when... that time, Hanuka, at the fifth candle... You remember, when Reb Uriel said? There is a reason why I tremble every time you look at me. But she is my second mother. May God punish me if I do anything bad to her, God forbid.

HERSHELE

Child, who would have the heart to do anything bad to her? If she won't accept a divorce of her own free will, I won't force her, God forbid. But... if yes... and- and... if she herself agrees that it shouldn't be someone else, not a stranger, to take her place here, will you... (Trembles with his whole body) Will... do you think... that... Ay, Freydenyu, how hard it is to talk about such things. (Both are silent a long time) You are silent?

FREYDENYU

Uncle, you know my answer.

HERSHELE

Freydenyu, don't forget, you are a young child and I am forty two years old.

FREYDENYU

In my eyes, a young man next to you looks like a foolish child, a nothing. When you say something, it's exactly as if a prophet speaks, and whatever you do, it's what a great man does. Ah, Uncle, when you take your violin, and your eyes become inspired and your face becomes illuminated with a heavenly light, exactly as if the heavenly presence rests on you. then .. then. I believe that my heart, my soul, my life, none of it belongs any more to me, and I think how happy I would be if I could stay till I die in a house where you are. If I could stay at your feet. (Sinks to HIS feet. HERSHELE looks at HER, takes the violin and plays Psalm of David. SHE looks at HIM and whispers the words. When SHE says "*Yea, though I walk through the Valley of the Shadow of Death,*" MISCHIEF enters silently and stands unnoticed. After playing, long pause.) Uncle, I believe that I love you.

HERSHELE

But... if... God forbid.... we're not, Freydenyu, sinning against God, blessed be he?

סאַלפּעטקעס. איר זעט? נישט צו פֿאַרזינדיקן... נעמט אַ סאַלפּעטקע אָבער, אַט די זאַכן ווייס איך נישט. מען דאַרף דאָס פֿאַרן פֿאַרבײַסן אָדער נאָכן פֿאַרבײַסן?... שטעלט אויפֿן טיש.

**ציפּעניו** — אַט רוף איך שוין אַרײַן פֿריידעניו. אַ סוף! די עלטערע שוועסטער אַראָפּ פֿון מאַרק, וועט די ייִנגערע אויך קענען האָבן אַ האָפֿענונג. כאַ, כאַ, כאַ! זיידע, ווען איך וועל ווערן אַ כּלה, וועט איר מיך באַזעצן. אָפּ, רעכטס.

הערשעלע ציטערט.

**פּעסעניו** — וואָס איז, הערשעלע? זעט, ווי בײַ אים ציטערן די הענט, גלײַך ווי ער וויל, חלילה, עמעצן באַגזלען. דאָבע, פֿאַרבײַסט, דאָס איז געבאַקן געוואָרן אויף הוילע ווײַסלעך פֿון אייער.

**דאָבע** — קיין עין־הרע, געראָטן בײַ אײַך. אָט! אָט! מיר ווערן דאָך באַלד אמתע מחותּנתטעס. צעקושט זיך מיט איר.

פֿריידע און ציפּע קומען.

**הערשעלע** — פֿריידעניו, איך האָב דיך געוואָלט פֿרעגן... דאָס הייסט, נישט איך, ר׳ כאַצקל פֿרעגט... ער וויל וויסן, וואָס הערט זיך מכּוח דעם שידוך.

**כאַצקל** — איך וועל דיר זאָגן, ווי אַ פּראָסטער מענטש: דו ביסט עפּעס צו קידער־ווידערדיק. איך ווייס, אפֿשר געפֿעלט דיר איצט נישט אונדזער גאַנצער משׂא־ומתּן? ביסט איצט פֿון די גדולים און מאָטל איז אַ זון פֿון כאַצקל דראַכמע.

**פֿריידעניו** — דער שידוך? ר׳ כאַצקל, איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת: קיין תּנאָים איז דאָך בײַ אונדז נישט געווען. אויב איך האָב פֿריִער געשוויגן, איז נישט ווײַל מאָטעלע איז מיר געווען געפֿעלן. איך האָב נאָר געמיינט, אַז עס דאַרף אַזוי זײַן... אָבער איצט... זײַט נישט בייז אויף מיר, איך קען נישט...

**דאָבע** — מאָטל האָט אויך ביט געחלשט נאָך דיר... פֿאַר דיר האָט ער מורא און פֿאַר ציפּעניון נישט... כאַצקל, זעסט? איך האָב



דיר געזאָגט, איך האָב געזען אין חלום אַ שוואַרצע קאַץ... אָט האָסט דיר!

**פּעסעניו** — פֿריידעניו, דו ווילסט נישט דעם שידוך? וואָס הייסט עפּעס? פֿאַר וואָס?

**לייזער** — פֿון זײַן ווינקעלע. זי וויל בעסער בלײַבן אין דער היים, אין אייגענע הענט...

**הערשעלע** — בייז. טאַטע, ווילסט זיצן ווי אַ מענטש, זיץ דאָ. און אַז נישט, וועל איך דיך בעטן, דו זאָלסט זיך מטריח זײַן...

**ציפּעניו** — אַזוי? איר שטייט נישט אָן! אַ גאַנצע בת־מלכּה געוואָרן? זאָג אַליין, מומעניו, איז נישט אַ רחמנות אויף מאָטעלען?

**מאָטעלע** — מיינט נישט, אַז איך וועל זיך שטאַרק נעמען צום האַרצן. איך מיין, עס איז נישט גוט צו האָבן אַ ווײַב, פֿאַר וועלכן מען מוז זיך שעמען...

**ציפּעניו** — געוויס דאַרף מען זיך שעמען פֿאַר איר! זי איז נישט פֿון אונדזער משפּחה.

**פֿריידעניו** — איך בעט אײַך, פֿאַרצאַפּט מיר נישט דאָס בלוט אומזיסט.

**ציפּעניו** — איך מיין, מען מעג האָבן אַ פֿעטער אַ גבֿיר, און זײַן ר׳ כאַצקל דראַכמעס שנור איז גאָר קיין בזיון נישט.

**פּעסעניו** — פֿריידעניו, אויב עס איז דערפֿאַר, ווײַל דעם פֿעטער האָט גאָט ב״ה געהאָלפֿן און דו האַלטסט זיך גרויס, איז דאָס זייער אַ גרויסע עוולה.

**דאָבע** — געדענקסט, מאָטעלע, אַז מיר זײַנען געגאַנגען אַהער האָבן מיר באַגעגנט אַ גויע מיט ליידיקע עמערס. זעסט? זי וויל נאָר נישט אַזאַ שידוך...

**כאַצקל** — מײַן מאָטל איז בײַ מיר חלילה נישט קיין בראַק. נאָר נישט, זי וויל נישט, מסתּמא ווייסט זי דאָך פֿאַר וואָס?

**הערשעלע** — איך וועל אײַך דערקלערן פֿאַר וואָס. הערט אויס, מיר זײַנען דאָ אייגענע מענטשן, כּמעט איין משפּחה. אויב פֿריידעניו וויל נישט דעם שידוך, געפֿעלט אפֿשר דער שידוך צי



פּעניון. איר מעגט מיר גלייבן, זי וועט געוויס קריגן נדן און כּלה־מתּנות ווי אַ באַלעבאַטיש קינד. אָבער איך וויל מיט אײַך איצט ריידן גאָר פֿון אַן אַנדער זאַך. נישט פֿון די קינדער, איך וויל ריידן פֿון זיך אַליין, דאָס הייסט: פֿון מיר און פֿון פּעסעניו. ראש־חודש אלול איז געוואָרן 22 יאָר נאָך אונדזער חתונה און, ווי איר ווייסט, גאָט האָט אונדזער זיווג נישט געבענטשט מיט קינדער. און צוליב וואָס לעבט אַ מענטש, אויב נישט צוליב קינדער?

**פּעסעניו** — טרויעריק. יאָ, אַזוי איז דאָס. די ווײַבער פֿלעגן זיך אָפּט וווּנדערן: אַזאַ ערלעכער ייִד ווי הערשעלע זאָל לעבן אַזוי פֿיל יאָרן מיט אַן עקרה. איך האָב אָבער זיי שטענדיק געזאָגט: מײַן הערשעלע איז גאָר אַן אַנדער מענטש, און די צוויי יתומות, וואָס זײַנען בײַ אונדז אין שטוב, זײַנען אונדזערע קינדער. פֿריידעניו וויינט. יאָ, פֿריידעניו, הערשעלע איז גערעכט: צו וואָס לעבט אַ מענטש, אויב נישט צוליב קינדער? איר בײדע זײַט אונדזערע קינדער און מיר לעבן נאָר צוליב אײַך... קושט פֿריידעניון.



TSIPENYU

I'm going to call Freydenyu right now. Get it over with. When the older sister is off the market, the younger one can have a hope too. Grandpa, when I become a bride, you will veil me. (Off right. HERSHELE trembles)

PESENYU

What is it, Hershele? Look how his hands tremble, just as if he wanted, God forbid, to rob somebody. Dobe, eat, this was baked with pure egg whites.

DOBE

No evil eye, they came out good. There now, we are about to become true family.(Kisses her. Enter FREYDENYU and TSIPENYU)

HERSHELE

Freydenyu, I wanted to ask you. That is, not I. Reb Hatskl is asking. He wants to know what is happening about the engagement.

HATSKL

I will tell you, like a plain man. You are somehow too wishy-washy. I don't know, maybe now you are not pleased with our whole deal. You are now an aristocrat, and Motel is a son of Hatskl Drakhme.

FREYDENYU

The engagement? Reb Hatskl, I will tell you the truth. We were never formally engaged, after all. If I was silent before, it's not because I liked Motel. I only believed that it had to be like that. But now.. don't be angry at me, I can't.

DOBE

Motel wasn't swooning over you, either. You he's afraid of, but not Tsipenyu Hatskl, you see? I told you, I saw a black cat in a dream, so there for you.

PESENYU

Freydenyu, you don't want the match? What is this, then? Why not?

LEYZER speaks the truth

(From his corner) She'd prefer to stay home with her own family.

HERSHELE cuts him short

(Angry) Father, if you want to sit decently, sit there, and if not, I'll will ask you to excuse yourself.

TSIPENYU

Really? It's beneath your dignity? Now that you're a princess? Admit it, Auntie, isn't it a pity for Motele?

MOTELE

Don't think that I'll take it so strongly to heart. I believe that it isn't good to have a wife who makes you feel uncomfortable.

TSIPENYU

Of course we feel uncomfortable around her. She doesn't belong to our family.

FREYDENYU

I beg you, don't drain my blood for no reason

TSIPENYU

I believe that one can have an uncle who's a rich man, and even so it's no disgrace to be Reb Hatskl Drakhme's daughter in-law.

PESENYU

Freydenyu, if it is because God blessed be his name has helped uncle and you consider yourself too fine, that is a very big transgression.

DOBE

Remember, Motele, as we were coming here, we met a peasant woman with an empty bucket? You see? She doesn't want a match like us.

HATSKL

I don't consider my Mottel trash, God forbid, not damaged goods. Not at all. If she isn't willing, she probably knows her reasons.

HERSHELE disposes of the match

I will explain her reasons to you. Listen, there's no one here but us, almost one family. If Freydenyu doesn't want the match, maybe the match pleases Tsipenyu. You may believe me, she will certainly receive dowry and wedding presents like a child of a good family. But now I want to talk to you about a different thing altogether. Not about the children. I want to talk about myself. That is, about Pesenyu and me. At the new moon of Elul it was twenty-two years since our wedding, and as you know God has not blessed our marriage with children. What does a person live for if not for the sake of children?

PESENYU

(Sadly) Yes, that is how it is. The women often used to wonder that such an upright Jew as Hershele should live so many years with a barren woman. But I always told them: my Hershele is another kind of man altogether, and the two orphans who in our home are our children. (FREYDENYU weeps) Yes, Freydenyu, Hershele is right. What does a man live for if not for the sake of children? You both are our children and we live only for your sakes. (Kisses FREYDENYU) live

**הערשעלע** — דו האָסט מיך ניט פֿאַרשטאַנען, פּעסעניו... נישט דאָס מיין איך... איך מיין... איך וויל האָבן אייגענע קינדער...

**כאַצקל** — שטיל. ער וויל האָבן אייגענע קינדער. נאָך מײַן שכל נאָך הייסט עס, ער וויל האָבן אַן אַנדער ווײַב...

**אַלע** — וואָס?!

**לייזער** — דעם בדחנס אויג האָט דאָס לאַנג געזען.

**הערשעלע** — יאָ, פּעסעניו. אויב איך באַטײַט עפּעס בײַ דיר, זײַ נישט בייז אויף מיר. אויב דו קענסט, זײַ מיר דן לכף זכות. איך וויל, מיר זאָלן זיך גטן.

**פּעסעניו** — גטן?! וואָס הייסט, הערשעלע, דו האָסט דאָך קיין מאָל גאָר נישט גערעדט דערפֿון!

**הערשעלע** — איך האָב נישט גערעדט, אָבער איך דענק שוין לאַנג דערפֿון.

**פּעסעניו** — גטן! אוי, ווי איז מיר! ווי איז מיר! וויינט.

אַלע ווייבער ווישן די טרערן.



**הערשעלע** — דאָס הייסט, חלילה, אויב דו ווילסט נישט, וועל איך דיך נישט נייטן. דו בלײַבסט דאָ אין שטוב, ווי דו ביסט געווען, און קיינער וועט נישט וואַגן דיר פּוגע בכּבֿוד צו זײַן. און איך? איך וועל עס אַריבערטראָגן באַהבֿה. וואָס זאָל מען טאָן? אַ מענטש קען דאָך נישט זײַן גליקלעך מיט אַלעמען.

**פּעסעניו** — ניין, הערשעניו, איך ווייס, דו ביסט אַן ערלעכער ייִד, אַן אײדעלער מענטש. אויב דו געפֿינסט, אַז מיר דאַרפֿן זיך גטן, וואָס זאָל מען טאָן? מסתּמא איז דאָך אַ גזר מן השמים. לאָמיר זיך גטן... ווי איז מיר! וויינט.

**כאַצקל** — שטיל. נאָך מײַן פּראָסטן שׂכל: פֿאַר וואָס איז דער גזר מן השמים נישט געקומען פֿאַרן געלט?

**דאָבע** — אוי, פּעסע לעבן, איך האָב אײַך געזאָגט: שטענדיק בײַ ראש־חודש בענטשן זאָגט די תּחינות פֿון מוטער רחל. זי איז אויך געווען אַ בעזדעטיכע[18], נעבעך.

**פּעסעניו** — וואָס העלפֿט איצט רײדן? מסתּמא ווייס הערשעלע, וואָס ער טוט... אוי! דערבאַרעמדיקער פֿאָטער אין הימל, אויף אַזאַ שלאַג האָב איך זיך נישט גערעכנט. אָבער אַז עס איז נישטאָ קיין ברירה, קען מען זיך דאָ נישט העלפֿן...

**פֿריידעניו** — פֿאַלט איר אויפֿן האַלדז. ניין, מומעניו, עס איז דאָ אַ ברירה! אויב מאָטעלע האָט נישט קעגן מיר... האָב איך אַפֿילו באַלד חתונה... איך... קען נישט רײדן פֿון געוויין.

**מאָטעלע** — איך וויל נישט, מען זאָל זיך מיט מיר וואַרפֿן. אָט יאָ, אָט ניין! דעם אמת געזאָגט: איר זײַט פֿאַר מיר צו אײדל... איר זײַט נישט מײַן גלײַכן... ציפּעניו איז אַן אַנדער זאַך...

**הערשעלע** — פּעסעניו, וואָס וויינסטו אַזוי?

**פּעסעניו** — אַ ביסעלע וויינען... גאָט וועט מיך ניט שטראָפֿן פֿאַר די טרערן...

---

[18] עקרה.



**פֿריידעניו** — מומעניו, טײַערע מומעניו, איך בין ניט שולדיק... זי וויינט.

**פּעסעניו** — נאַרעלע, וואָס קענסטו שולדיק זײַן? קינד מײַנס, אַז עס איז באַשערט פֿון גאָט, מיר זאָלן זיך גטן, קען מען דאָך מיט גוואַלד נישט לעבן צוזאַמען. גיט אויף איר אַ קוק. וואָס? דו? אַ, דאָס מיינסטו?... דאָס הייסט, דו? איך, אַלטער נאַר, האָב נישט פֿאַרשטאַנען... נו, פֿריידעניו, אײדער אַ פֿרעמדע, זאָל דאָ פֿאַרנעמען מײַן פּלאַץ, איז דאָך שוין בעסער די, וועלכע איך האָב כּמעט פֿאַר אַן אייגן קינד גערעכנט... זאָל דיר גאָט געבן גליק... אַזעלכע מענער ווי ר' הערשעלע וואַלגערן זיך נישט אין די גאַסן... צוויי און צוואַנציק יאָר געלעבט צוזאַמען און איך האָב, חלילה, קיין שלעכט וואָרט פֿון אים נישט געהערט... וויין נישט, נאַר... איך וועל זײַן בײַ ציפּעניון, אָבער איך וועל אויך דיך נישט פֿאַרגעסן... און... פֿריידעניו, אַז גאָט וועט דיך בענטשן מיט קינדערלעך, וועל איך זיי ניאַנטשען ווי מײַנע אייגענע, ווי מײַנע אייניקלעך... אַז איך קען נישט זײַן אַ מאַמע, וועל איך כאָטש זײַן אַ באָבע. וויינען אייגע בײַ דער אַנדערער אין די אָרעמס.

**הערשעלע** — ווי אַזוי קען מען גיין מיט אַן אייגענעם וועג, אַז מען מוז אויף יעדן טריט עמעצן צעטרעטן? ווי קען מען פֿאַר זיך אַליין אָפּטיילן אַ שטיקל גליק, אַז מען דאַרף עס רײַסן מיט פֿליש און בלוט?... ניין, איך האָב מורא. ער זאָגט ליגן מיט זײַן גאַנצער פֿילאָסאָפֿיע. גליקלעך זײַן וועל איך קיין מאָל נישט קענען! וויינט ביטער. פּעסעניו, זײַ נישט בייז אויף מיר! איך פֿאַרדין נישט דײַנע כּשרע טרערן! איך בין אַ סך ערגער ווי דו האָסט מיך גערעכנט. איך ווייס, איך פֿיל, ווי שווער דיר איז איצט. אוי, פּעסעניו, פּעסעניו, פּעסעניו!

אַלע וויינען. מזיק באַטראַכט הערשעלען איראָניש.

**פֿאָרהאַנג**

---

**HERSHELE**

You didn't understand me, Pesenyu. That's not what I mean. I mean.. I want to have children of my own.

**HATSKL**

(Quietly) He wants to have children of his own. According to my sense that means he wants to have another wife.

**ALL**

What?

**LEYZER**

The jester's eye saw it long ago.

**HERSHELE**

Yes, Pesenyu, if I mean anything to you, don't be angry at me. If you can, judge me as I have earned by you. I want a divorce.

**PESENYU**

Divorce? What do you mean, Hershele, you never said anything about it.

**HERSHELE**

I never said, but I have already been thinking about it a long time.

**PESENYU**

Divorce? Oy, woe is me woe is me. (Weeps. All the women wipe their tears)

**HERSHELE**

That is to say, if you don't want to, I won't force you, God forbid. You'll stay here in the house as you were, and no one will dare to dishonor you. And I? I will bear it with love. What should one do? A man can not after all be happy with everyone.

**PESENYU**

No, Hershele, I know, you are a righteous Jew, a fine man. If you decide that we must divorce, it can't be helped. Probably it is a decree from heaven. Let us divorce. Woe is me. (Weeps)

**HATSKL**

(Quietly) According to my plain sense: why didn't the decree from heaven come before the money?

**DOBE**

O, Pese dear, I told you, when you bless the new moon, always say the Lamentations of Mother Rachel. She was barren too, poor thing.

**PESENYU**

What does talking help now? Probably Hershele knows what he's doing. Oy. father in heaven, I did not expect such a blow. But if there is no choice, we can't help ourselves.

**FREYDENYU**

(Falls on her neck) No. Auntie, there is a choice. If Motele has nothing against me.. I'll get married.. I'll marry him right away.. I... (Can't talk for weeping)

**MOTELE**

I don't want to be tossed around. Yes or no. To tell the truth, you are too refined for me. You're not my taste. Tsipenyu is something else.

**HERSHELE**

Pesenyu, why are you crying so?

**PESENYU**

A little cry... God won't punish me for tears.

**FREYDENYU**

Auntie, dear Auntie, it's not my fault... (She weeps)

**PESENYU**

Little Silly, how can it be your fault? My child, if it is fated by God that we should divorce, no force can keep us together. (Takes a look at her) What? You? Ah That's what you mean? You mean, you... I, old fool, didn't understand. Nu, Freydenyu, sooner than that a stranger should take my place, after all, better you whom I considered almost my own child. May God give you happiness. Such men as Reb Hershele aren't wandering around in the streets. Twenty-two years living together, and I didn't hear one bad word from him, God forbid. Don't cry, fool. I will be with Tsipenyu, but I won't forget you either. And.. Freydenyu, when God blesses you with little children, I will nurse them like my own, like my grandchildren. If I can't be a mother, I will at least be a grandmother. (THEY weep in each other's arms)

**HERSHELE**

How can one go his own way if he must trample somebody at every step? How can one get a little bit of happiness for himself if he must tear it off with flesh and blood? No. I am afraid his whole philosophy is a lie. I will never be able to be happy. (Weeps bitterly) Pesenyu, don't be angry at me. I don't deserve your kosher tears. I am a lot worse than you considered me. I know, I feel, how hard it is for you now. Oh, Pesenyu, Pesenyu. (All weep. MISCHIEF contemplates HERSHELE ironically.)

**CURTAIN**

**הערשעלע** — גוטן אָוונט. עליכם שלום, ר׳ אוריאל! וואָס הערט זיך בײַ אונדז דאָ?

**לייזער** — ווי מען איז מחדש די לבֿנה. שלום עליכם, עליכם שלום, שלום עליכם, עליכם שלום, שלום עליכם, עליכם שלום. סימן טובֿ ומזל טובֿ יהא לנו ולכל ישראל אָמן. קול דודי הנה זה בא מדלג על ההרים, מקפץ על הגבֿעות.

**הערשעלע** — ביסט אַזוי שיכּור, אַז מען קען דיר אַפילו קיין שלום עליכם נישט געבן. פֿע, וואָלטסט אפֿשר געגאַנגען שלאָפֿן? וואָס מאַכט פֿריידעניו? גייט צו איר טיר. פֿריידעניו, איך האָב דיר געבראַכט רויטע, גרינע און געלע זײַדנס אויף קליידער און בריליאַנטענע אוירינגלעך. שטיל. איך וועל דיך שפּעטער אַ קוש טאָן, ווען איך וועל האָבן צײַט און קיינער וועט נישט זײַן.

**לייזער** — איך בין טאַקע געווען אַ קבצן, אַ בדחן, אָבער אַז איך פֿלעג קומען פֿון אַ נסיעה, פֿלעגן מיר בײדע מיט מײַן אַלטיטשקער צעגיין פֿון שׂמחה, אַזוי ווי צוקער.

**הערשעלע** — נו, וואָס הערט זיך בײַ אונדז? איך האָב אײַך געפֿאָלגט און האָב גענומען קרעדיט, וואָס מער, מען גיט גאָר אָן שאלות.

**מזיק** — איך האָב געוווּסט, אַז איר וועט פֿאָרן אַליין, וועט איר מאַכן אַ גוטן אײַנדרוק. יאָ, מיר דאַרפֿן איצט אַרײַנכאַפּן וואָס מער.

**הערשעלע** — אַרײַנכאַפּן גאָר! דערזעט די פֿלאַש. וואָס איז דאָס, ווײַן? אַ גלאָז ווײַן וואָלט איך דווקא געטרונקען. איר וועט רויכערן אַ ציגאַר? נעמט־אַרויס אַ גרויסן פּאָרטסיגאַר און פֿאַררייכערט.

**מזיק** — ווײַן וועל איך אויך טרינקען, אָבער נישט רויכערן. איך האָב אויפֿגעהערט רויכערן. איר זעט, וואָס פֿאַר אַ קאָרקן־ציִער? אַן ענגלישער. נעמט פֿון דער טאַש אַ גרויס מעסער מיט אַ קאָרקן־ציִער, עפֿנט די פֿלאַש, גיסט־אָן די גלעזער, פֿאַרגעסט דעם קאָרקן־ציִער אויפֿן טיש.

**הערשעלע** — אָוועקגעוואָרפֿן רויכערן? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נאַרישקייט? איך האָב אַן אויסגעצייכנטן ציגאַר. טרינקט. דאָס איז אַ פּנים דער ביליקער ווײַן? האָט נישט קיין אַראָמאַט. איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס מיינט איר מיטן אַרײַנכאַפּן? פֿאַררייכערט אַ ציגאַר.

**לייזער** — אָט גיב מיר די גלאָז, וועל איך דיר ווײַזן, וואָס הייסט „אַרײַנכאַפּן“.

**הערשעלע** — זײַ זשע מוחל, אַרויס פֿון דאַנען, אַרויס באַלד!

**לייזער** — דערשראָקן. איך גיי שוין. גייט. ר׳ אוריאל, איך האָב אײַך געוואָלט פֿרעגן. שש, זאָגט מיר, איך בעט אײַך, הײַנטיקס יאָר איז אַן עיבור־יאָר? אַ קוק אויפֿן זון. איך פֿיר דעם בדחן שוין אַרויס פֿון דאַנען. אָפּ.

**מזיק** — דער פּלאַן איז גאַנץ אײנפֿאַך. בײדע טרינקען. מיר האָבן איצט אָנגענומען אויף באָרג זייער פֿיל און איך האָב די לעצטע צײַט פֿאַרהאַלטן אַלע געלט־באַצאָלונגען. ר׳ הערשעלע, מיר האָבן איצט אין דער קאַסע מזומן בײַ אַ פֿינף און זיבעציק טויזנט רובל. אָט האָט איר דעם שליסל פֿון דער קאַסע. גיט אים.

**הערשעלע** — פֿינף און זיבעציק טויזנט? קיין עין־הרע, אַ שיינע סומע. אָבער וואָס, עס איז דאָך נישט אונדזערס, דאָס מוז מען באַצאָלן.

**מזיק** — באַצאָלן? במחילה, ר׳ הערשעלע דובראָוונער, איצט איז די ריכטיקע צײַט צו באַנקראָטירן.

**הערשעלע** — וואָס הייסט? באַנקראָטירן, ווען דאָס געשעפֿט גייט גוט און אין דער קאַסע איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל מזומן? גיסט זיך אָן נאָך ווײַן. איר וועט טרינקען? גיסט אים אויך אָן. באַנקראָטירן?

**מזיק** — ווען די געשעפֿטן גייען שלעכט, איז שוין שפּעט צו באַנקראָטירן. איצט איז די צײַט. מײַן פֿרײַנד, עס איז נאָך בעסער פֿון אַ געווינס: מיר ווערן דרײַ מאָל אַזוי רײַך מיט איין קלאַפּ!

**הערשעלע** — שפּרינגט־אויף פֿון זײַן אָרט. אַזוי? באַדענקט זיך. אָבער זײַט זשע מוחל, ר׳ אוריאל, גאָט איז מיט אײַך. וואָס הייסט? איר ווייסט דאָך, אַז קודם־כּל וויל איך האַנדלען ערלעך און בלײַבן אַן ערלעכער מאַן און ערלעכער ייִד.

**מזיק** — געוויס, ווײַל איר זײַט און בלײַבט אַן ערלעכער מאַן און ערלעכער ייִד, איז גוט צו באַנקראָטירן. בײַ אַזאַ פֿײַנעם ערלעכן מאַן ווי ר׳ הערשעלע וועלן די קרעדיטאָרן מיט שׂמחה נעמען פֿופֿציק קאָפּיקעס פֿאַר אַ רובל. אין האַנדל הייסט ערלעכקייט נישט זײַן קיין נאַר. נעמען וואָס מער און אָפּגעבן וואָס ווייניקער. אַזוי טוען די אַלע גרויסע, וועמען מיר זײַנען שולדיק, און אַזוי וועלן מיר טאָן. אָבער ערלעכקייט? איר בלײַבט אַן ערלעכער מאַן און אַן ערלעכער ייִד. געוויס. ווײַל וואָס האָט עס צו טאָן מיט ייִדישקייט? און אין דער קאַסע וועט בלײַבן דאָס געלט. איר באַרעכנט נאָר.

**הערשעלע** — יאָ, נאָמיר אָקערשט באַרעכענען. וויפֿל איז די גאַנצע סומע? זעצן זיך בײדע צו איין טישל און רעכענען.

**דינער** — אין טיר. באַלעבאָס, ר׳ כאַצקל דראַכמע וויל אײַך זען.

**הערשעלע** — כאַצקל גאָר? וואָס איז דאָס עפּעס?

**מזיק** — ער איז אויף זייער גרויסע צרות.

**הערשעלע** — אַזוי? נו, לאָז אים אַרײַן. דינער אָפּ. ר׳ אוריאל, ווי אַזוי אָבער וועלן מיר דאָס מאַכן? פֿאַרגעסט נישט: באַנקראָטירן איז נישט קיין קלייניקייט.

**מזיק** — איר פֿאַרלאָזט אײַך נאָר אויף מיר. כאַצקל און מאַטעלע אַרײַן. בײדע נידערגעשלאָגן.

**הערשעלע** — וואָס איז דאָס עפּעס אַזוי שפּעט? איך בין ערשט געקומען פֿון וועג, בין מיד.

**כאַצקל** — איך האָב זייער ווייניק צו ריידן, ר׳ הערשעלע.

HERSHELE

Good evening, aleykhem sholom, Reb Uriel. What's going on with us here?

LEYZER

(As one blesses the new moon) Sholom aleykhem, aleykhem sholom, sholom aleykhm, aleykhem sholem, sholem aleykhem, aleykhem sholem. *A good omen and good fortune for us and all Israel amen. The voice of my beloved behold it comes skipping on the mountains jumping on the hills.*

HERSHELE

You are so drunk that one can't even greet you properly. Feh. Maybe you should go to sleep? How is Freydenyu? (Goes to her door) Freydenyu, I brought you red, green, and yellow silks for dresses and diamond earrings. (Quietly) Later I'll give you a kiss, when I have time and no one is here.

LEYZER

I was a real pauper, only a jester, but when I used to come home from a journey, my old woman and I used to melt with joy just like sugar.

HERSHELE

Nu, what's going on here at home? I obeyed you and took as much credit as possible. They just give it without questions.

MISCHIEF

I knew that if you traveled alone you would make a good impression. Yes, we have to pack in all we can now.

HERSHELE

"Pack in" you say? (Sees bottle) What's this, wine? A glass of wine is just what I wouldn't mind drinking. Will you smoke a cigar? (Takes out big cigar case and smokes)

MISCHIEF

I will drink wine too, but not smoke. I have given up smoking. Do you see this kind of corkscrew? It is English. (Takes from his pocket a big knife with a corkscrew, opens the bottle, pours into the glasses, forgets the corkscrew on the table.)

HERSHELE

Given up smoking? What kind of foolishness is that? I have an extraordinary cigar. (Drinks) This seems to be a cheap wine. It has no fragrance. I don't understand what you mean "pack in." (Smokes cigar)

LEYZER

Give me the glass. I'll show you what "pack in" means.

HERSHELE

Forgive me, get out of here, get out right now.

LEYZER

(Scared) I'm going. (Going) Reb Uriel, I wanted to ask you- Sshh. Tell me, I beg you, is this year a leap year? (Looks at son) I'm leading the jester out.(Off)

MISCHIEF

The plan is totally simple. (Both drink) By now we have borrowed a great deal, and recently I stopped all cash payments out. Reb Hershele, we now have seventy-five thousand rubles in our cashbox. Here you have the strongbox key. (Gives it to him)

HERSHELE

Seventy-five thousand? No evil eye, a pretty sum. But then, it isn't ours, after all. We have to pay it back out.

MISCHIEF

Pay it out? Calf! Reb Hershele Dubrovner, now is the right time to go bankrupt.

HERSHELE

What do you mean? Go bankrupt when business is going well and the strongbox is so full of cash? (Pours himself more wine) You will drink? (Pours him more also) Bankrupt?

MISCHIEF

When business is bad, it's already late to go bankrupt. The time is now. My friend, this is even better than winning the prize. In one stroke we become three times richer.

HERSHELE

(Jumps up from his place) Really? (Thinks) But excuse me, Reb Uriel, god be with you, what does it mean? You know after all that first of all I want to do business honestly and remain an honest man and a righteous honest Jew.

CAPITALIST "LOGIC"

MISCHIEF

Certainly. It's because you are a righteous Jew, that's why it's good to go bankrupt. From such a fine righteous man as Reb Hershele, the creditors will happily take fifty kopikes on the ruble. Righteousness in business means not being a fool, taking as much as possible in and giving as little as possible out. That's what all the big businessmen we owe money to do, and we'll do it too. But righteous? Of course you'll remain a righteous man and a righteous Jew, because what does this have to do with Jewishness? And the money will remain in the strongbox. Just count it yourself.

HERSHELE

Yes, let's count it right now and see how much the total comes to. (They sit at table and count)

**לייזער** — אײַ, ווען איך דערמאָן מיך, וואָס יענע נאַכט האָט זיך אָפּגעטאָן... אַ געשריי: „קאַראַול! קאַראַול!"... בײַ מײַן תכשיט אַ מאַשינקע פֿון פֿליאַשקע... מזיק אַ צעבלוטיקטער ווי אַ חזיר... געלט... געלט... בלוט!... ביידע וואַלגערן זיך אויף דר'ערד... פֿריידע — אַ טויט־דערשראָקענע... בײַ מיר די נשמה אויפֿן שפּיץ נאָז... ע, דאַנקען גאָט, איך בין איצט בײַ אפֿרים קלעזמער... גייט צו דער שאַפֿע. איז ער געגאַנגען צו דערלאַנגען אַ ביסל משקה פֿון דער פֿליאַשקע, און האָט ער גענומען צו דעם גומען... זוכט. דאָבע לאַכט.

**כאַצקל** — ר' לייזער, אײַער טירחה איז אומזיסט... איר וועט נישט געפֿינען אַפֿילו אַ לעק... הײַנטיקן שבת האָבן מיר אַפֿילו קידוש געמאַכט אויף טרוקענער חלה...

**לייזער** — טרוקענע חלה? פֿע! און אָט איז אונדזער ציפּעניו. ציפּע קומט מיט אַ קאָשיק, אַ שאַל אויף די פּלייצעס. זי איז אין אַ גוטער לוינע.

**ציפּעניו** — אָ, אַ גאַסט! גאָט העלף, זיידעניו! גוט, וואָס איר זײַט געקומען. איך דאַרף אײַך נייטיק עפּעס פֿרעגן. פֿירט לייזערן אין אַ זײַט. ער איז זייער פֿאַראינטערעסירט. שש, זאָגט מיר, איך בעט אײַך... ע... פֿאַר אַ יאָרן ווינטער איז געגאַנגען אַ שניי? אַלע לאַכן.

**לייזער** — אַזוי גאָר? גוט... איך מוז צוגעבן: גוט...

**דאָבע** — אוי, מיר בײַסט עפּעס אין לינקן אויער. איך האָב מורא, איך האָב מורא, מיר וועלן, חלילה, האָבן עפּעס אַ שלעכטע בשורה.

**ציפּעניו** — שוויגער לעבן, אַ שלעכטע בשורה האָב איך אײַך געבראַכט: איך האָב קיין מציאות נישט געהאַנדלט. אויף יעדן לונג איז דאָ צוואַנציק בעלנים און אויף איין פֿוסנאָגע זיבעצן ווײַבער...





בין איך געקומען אָן אַ פֿוס און אָן אַ לונג. איז אַ שלעכטע בשורה? כאַ, כאַ, כאַ! די קינדערלעך שלאָפֿן נאָך?

**כאַצקל** — מאָטל וועט, נעבעך, קומען אַ הונגעריקער פֿון דער אַרבעט.

**דאָבע** — נו, מיר וועלן אים אָפּקאָכן פֿיש־קאַרטאָפֿליע. ער האָט עס ליב און עס וועט אים זײַן צו געזונט. קיין עין־הרע, קיין בייז־אויג.

**ציפּעניו** — זיידע, קאַרטאָפֿליעס מיט וואַסער, מיט אַ סך פֿעפֿער און אָן פֿיש, רופֿט זיך בײַ אונדז פֿיש־קאַרטאָפֿליע. איר האָט עס ליב? פֿיש־קאַרטאָפֿליען, ע, ע, טאַראַטאָפֿליע... אוי, צו קאַרטאָפֿליע, אַ פּנים, גראַמט זיך קיין זאַך נישט.

**לייזער** — קאַרטאָפֿליע פֿון פֿיש מהודו ועד כוש, מכוש ועד הודו, באַלד זײַ זיך מודה, צי האָסטו גענומען צו דײַן כשרן גומען...

**ציפּעניו** — שלאָגט־איבער. אַ ביסל משקה פֿון דער פֿליאַשקע. כאַ, כאַ, כאַ, שוויגער לעבן. און ווו איז דאָס די מומעניו?

**דאָבע** — מען האָט זי גערופֿן צו פֿריידען. זי האָט דאָך ווידער די חולאת, נישט אין אונדזער שטוב געדאַכט. אַלע חודש קומט עס אָן אויף איר. נאַ, האָסטו געהערט אַ ביסל אַ חולאת? קיין זאַך טוט נישט וויי און מען איז קראַנק, נישט משוגע און דאָך נישט בײַם זינען. ציפּע בלײַבט זיצן אַ טרויעריקע.

**כאַצקל** — דאָס איז די מרה־שחורה. מען זאָגט, אַלע גבֿירים קרענקען אויף דעם חולאת.

**דאָבע** — דו ווייסט! עס קומט דערפֿון, וואָס ווײַבער האָבן נישט קיין קינדער... וואָס זאָגסטו פֿאָרט, ווי מיר בײַסט אין לינקן אויער...

**לייזער** — איך זאָל וויסן, אַז מורנו ורבנו ר' הערש איז נישטאָ אין דער היים, וואָלט איך אַרײַנגעגאַנגען זי זען. זי איז טאַקע אַ גרויסע נגידיתטע און פֿון דעסט וועגן איז אויף איר, נעבעך, אַ רחמנות.

**ציפּעניו** — יאָ, ר' לייזער, גייט־אַרײַן צו איר. איר וועט פֿאַרדינען אַ מצווה — זי איז זייער עלנט. אוי, איר זאָלט זי זען, ווען עס





קומט־אָן אויף איר: שטיל ווי אַ טויב, רעדט אַליין צו זיך, זינגט זיך אין דער שטיל און איז אַזוי אָנמוטיק. אַלע בלײַבן שטיל. פּויזע. פּלוצלינג אַ גערויש. ציפּעניו כאַפּט זיך אויף דערשראָקן: ווײ איז מיר! וואָס איז דאָס עפּעס? מיר האָט זיך אָפּגעריסן דאָס האַרץ! אַ ייד, אַן אַרבעטער לויפֿט־אַרײַן זייער דערשראָקן.

**אַרבעטער** — גאָט איז מיט אײַך... איך בעט אײַך... שרעקט אײַך נישט... מען טראָגט אײַער מאָטעלען אַהיים.

**אַלע** — אוי, ווײ איז מיר! וואָס איז?!...

**דאָבע** — אַן אומגליק האָט מיך געטראָפֿן!

**אַרבעטער** — עס איז, חלילה, נישט קיין גרויסע סכנה. מיטן ראָד האָט בײַ אים אָפּגעריסן אַ האַנט!

**כאַצקל** — די פֿאַבריק! די פֿאַבריק! אוי, די פֿאַבריק!



Both of them rolling on the ground, Freyde dead of fear, my soul on the point of my nose. Ah. Thank God I'm at Efraim the Musician's now. (Goes to cupboard) "So off he toddled/ With his bottle./ Drank his liquor/ Quicker and Quicker./ Took a drink/ And gave a wink" (Searches. DOBE laughs)

HATSKL

Reb Leyzer, it's no use trying. You won't find even a lick. This Shabos we even made the blessing over wine over dry chala bread.

LEYZER

Dry chala? Feh. And here is our Tsipenyu. (TSIPE enters with a basket, a shawl on her shoulders. She is in a good mood)

TSIPENYU

A guest! God help, Grandfather dear. Good that you came. I urgently need to ask you something. (Leads LEYZER aside. He is very interested) Sshh. Tell me, I beg you. Ah, did it snow last winter? (All laugh)

LEYZER

Oh, it's like that, is it? Good. I must say: good.

DOBE

Ah, something is itching me somehow in my left ear. I'm afraid, I am afraid, we're going to get bad news, God forbid.

TSIPENYU

Mother-in-law dear, I did bring you bad news. I didn't find any bargains. For every lung, there are twenty willing takers, and for every calf's foot, seventeen housewives. So I came home without a foot and without a lung. Isn't that bad news? Are the children still asleep?

HATSKL

Motele will come from work hungry, poor thing.

DOBE

All right, we'll cook him up fish-potatoes. He likes that and it will be good for his health, *no evil eye*, no evil eye.

TSIPENYU

Grandfather, potatoes with water, with a lot of pepper and without fish, is what we call fish-potatoes. Do you like that? Kotatoes. Ah, evidently, nothing rhymes with potatoes.

LEYZER

Potatoes and fish,/ An elegant dish./ They gobble it up/ From Sedom to Lakhish./ It's tasty and new/ So give it a chew.

TSIPENYU

(Interrupts)
"So off he toddled/ With his bottle..." And where is Auntie, Mother-in-law dear?

DOBE

They called her to Freyde. Freyde is sick again, not to be thought of in our home. It happens to her every month. Have you ever heard of such a disease? Nothing hurts but you are sick, not crazy and not in your right mind. (TSIPE remains sitting sadly)

HATSKL

It is melancholy. They say that all rich people catch that disease.

DOBE

You know what, that comes from women not having any children. What do you say about the way my left ear itches?

LEYZER

If I knew on rabbinical authority that Reb Hersh was not at home, I would go over to see her. She is indeed a big rich lady, but I'm sorry for her all the same..

TSIPENYU

Yes, Reb Leyzer, go see her. You will get credit for a good deed. She is very lonely. O you should see her when it comes over her: quiet, like a dove, talks to herself, sings quietly, and is so miserable. (All are silent. Pause. Sudden noise. TSIPENYU jumps up frightened.) Woe is me. What can that be? It tore my heart. (A Jewish working man runs in very frightened)

WORKER

God is with you... I beg you... Don't be frightened... They're bringing your Motele home.

ALL

O, woe is me, what is it?

DOBE

A misfortune has struck me.

WORKER

His life is not in danger, God forbid. A wheel tore off his hand.

HATSKL

The factory. The factory. Oy, the factory.

מזיק, ווען פֿון זײַן ברוסט האָט זיך הײַנט אַרויסגעריסן דאָס פֿאַרכ־טיקסטע יאָמער־געשריי, האָב איך דערפֿילט, אַז עס איז דאָ עפּעס, וואָס הילכט שרעקלעכער פֿון קול השופר הגדול!... מזיק, דער מענטש האָט אין אים געשריִען, דער אמתער, נאַטירלעכער מענטש... און ווי טיף אין מיר זײַנען שוין געשלאָפֿן די מענטשלעכע געפֿילן, האָט זײַן יאָמער־געשריי זיי דערוועקט! און ווען איך האָב דערזען די בלאַסע פּנימער אַרום אים, זייער אמתע שרעק און רחמנות, האָב איך פֿאַר־שטאַנען, אַז דאָס דאָזיקע מענטשלעכע יאָמער־געשריי איז דער מעכ־טיקער שופֿר, וואָס רופֿט אונדז צום יום־הדין, וואָס צעברעכט דעם פּאַנצער וואָס ליגט אויף אונדזער האַרץ און וועקט־אויף דעם מענטשן פֿון זײַן קבֿר... בײַ דעם געשריי פֿאַרשווינדט גוי און ייִד, באַלעבאָס און אַרבעטער, חכם און נאַר... דער מענטש נאָר דערוואַכט... דער מענטש, דער מענטש!...

מזיק — אָ, איך ווייס, וואָס אַ ייִד רופֿט מענטש! געוויס נישט מאַכט, קראַפֿט, טעטיקייט, דערפֿינדונג־פֿעיִקייט, געוואַגטקייט פֿון גײַסט? ניין! זאָרגן זיך ווי אַ שוואַכע פֿרוי, גריבלען, וואַקלען זיך, נישט האָבן קיין הנאה פֿון לעבן, אַ סך טראַכטן און ווייניק טאָן — דאָס איז דער ייִדישער מענטש! איר דאַרפֿט זייער נייטיק דעם מין מענטש אַרויסרופֿן פֿון קבֿר, ער זאָל קומען און פֿאַרגיפֿטן דאָס לעבן? וואָס קוקט איר? האָט קיין מורא נישט, אויף אײַך איז שוין נישטאָ קיין בלוט. מען האָט עס אָפּגעוואַשן...

הערשעלע — אָפּגעוואַשן? הם... יאָ אָפּגעוואַשן אָדער נישט אָפּגעוואַשן, זײַן בלוט שרעקט מיך נישט. זעסטו... דעמאָלט... אין יענער נאַכט... ווען איך האָב דײַן בלוט געזען אויף זיך, האָב איך מורא געהאַט, איך האָב זיך מיאוס געפֿילט, איך האָב זיך געפֿילט שלעכט... זײַן בלוט אָבער שרעקט מיך נישט. עס מאַכט מיר אַ וויי־טיק, אָבער איך פֿיל זיך נישט מיאוס — איך פֿיל אַ שאַרפֿן ווייטיק...

מזיק — כע, כע, כע! נאַרישקייטן! אײַערע נערוון האָבן זיך אַ ביסל צעשטיפֿט. איר זעט דאָס צום ערשטן מאָל... קומט, פֿרישע לופֿט וועט אײַך ווידער געזונט מאַכן — איי, בערל לאַפּטיוך, נעם־צו דאָס בענקל! אַ ייִדישער אַרבעטער טראָגט דאָס בענקל אַוועק. ווייס איך, נאַרישקייטן! אָט האָב איך אַ מאָל געזען, אין אַ גרויסער פֿאַבריק האָט עס איינעם פֿאַרטשעפּעט, און דאָס גרויסע ראָד האָט אים אויפֿגעהויבן אַ לעבעדיקן גאַנץ הויך און דערנאָך ערשט אַראָפּ־געשלעפּט אַרונטער און צעמאָלן אויף אַש. פֿירט אים.

הערשעלע — פֿאַרטראַכט. אָט אַזוי איז דאָס אַ פּנים: דאָס ראָד פֿונעם לעבן הייבט־אויף הויך, גאַנץ הויך, און נאָך דעם וואַרפֿט עס אַראָפּ און צעמאָלט אויף אַש... אויף אַש און שטויב!...

מזיק — נו, אַ ייִד אָן אַש און שטויב איז ווי אַ גוי אָן בראָנפֿן און אָן ביר. קומט, מיר וועלן אַליין נעמען צו ביסלעך קאָניאַק. זע נאָר, ווי בלאַס ער איז! כע, כע, כע! איר זײַט נאָך גאָר גרין... עס איז נאָר אַ געוווינהייט... אויף די גרויסע פֿאַבריקן ברעכט עס פֿיס און עס רײַסט הענט יעדע מינוט, און גאָרנישט... מען דאַרף זיך נאָר צוגעווינען... סענטימענטאַל האָט מען געקענט זײַן אַמאָל, ווען דער מענטש האָט געאַרבעט מיטן מענטשן... איצט אַרבעטן מיר מיט מאַשינען און דער מענטש דאַרף זײַן פּינטקלעך, שטאַרק און קאַלט ווי אַ מאַשין... זעסט? דער מענטש האָט זיך אין אים אויפֿגעכאַפּט, איז ער געוואָרן אויס מענטש... כע, כע, כע! ביידע אָפּ. די מאַשינען און רעדער רוישן. אָפּ.

# פֿאַרוואַנדלונג

הערשעלעס קאַבינעט. אַ שאַפֿע מיט ספֿרים, אויף וועל־כער עס ליגט זײַן פֿידעלע אין אַ פֿוטליאַר. אין מיטן צימער אַ שרײַבטיש, נעבן וועלכן עס שטייט אַ הויכע אײַזערנע קאַסע, עטלעכע שטולן. לייזער און פּעסעניו זיצן טרויעריק. פֿריידעניו גייט־אַרום פֿאַרבראָכן די הענט און זינגט שטיל מיט אַ וויינענדיקער שטימע „מזמור לדוד". ביסלעכווײַז ווערט טונקל.

פּעסעניו — פֿריידעניו, וואָס טוט דיר וויי, מײַן קינד? ביסט קראַנק, האַ?

פֿריידעניו — דאָס האַרץ טוט מיר וויי, מומעניו. אַזוי ווי אַ שלאַנג זויגט מיר דאָס בלוט. איך קען זיך קיין אָרט נישט געפֿינען. מיך אַרט קיין זאַך נישט און מיך פֿרייט קיין זאַך נישט. איך פֿיל, גלײַך ווי איך שווים אין אַ ים פֿון אָנמוט און טרויער. גייט צו דער שאַפֿע, נעמט דאָס פֿידעלע און באַטראַכט עס.

לייזער — אָבער פֿאַר וואָס איז דאָס, פֿאַר וואָס פֿילסטו אַזוי?

פֿריידעניו — איך ווייס אַליין נישט. עס קומט פּלוצלינג אַזאַ פֿאַרדראָס, אַזאַ ערגערניש, אַזאַ האַרצווייטיק.

פּעסעניו — אײַ, וויי איז מיר. שטיל צו לייזערן. איך וואָלט געדאַרפֿט אַריבערלויפֿן זען, וואָס דאָרט טוט זיך. נאָר ווי לאָזט מען זי איצט אַליין?

לייזער — מען לאָזט אַהין קיין מענטשן ניט צו, אַ פּשיטה שוין ווײַבער... מען טרײַבט זיי ווי די גענדז. דער דאָקטער מאַכט איצט די אָפּעראַציע. אַ גערויש. אוי, איך האָב מורא, מיר דאַכט זיך דעם בדחנס באַלעבאָס גייט. הערשעלעס און מזיק אַרײַן. לייזער שטייט־אויף.

הערשעלע — זייער טרויעריק. זעט, וואָסערע געסט בײַ מיר אין קאַנטאָר! נו, פֿריידעניו, וואָס מאַכסטו? ביסט געקומען מיך זען?

in graves... And call them to the throne of judgement. Mischief, when the fierce howl tore from his breast today, I felt that it was something which resounded more frightfully than the voice of the great shofar. Mischief, the man screamed in him, the true natural man. And no matter how deeply the human feelings are sleeping inside me, his howl awakened them. And when I saw the pale faces around him, their true fright and pity, I understood that this howl is the mighty shofar which calls us to Judgement Day, which breaks the armor which lies on our heart and awakens man from his grave. At that scream, gentile and Jew, owner and worker, wise man and fool, all disappear. Only the man wakes up. The man, the man.

MISCHIEF

Ah, I don't know what a Jew calls man. It certainly has nothing to do with might, vigor, activity, inventiveness, boldness of spirit, no. Worrying like a weak woman, brooding, vacillating, drawing no pleasure from life, thinking a lot and doing little - that is the Jewish man. Do you need that kind of man so urgently that you must call him out of the grave so he can come and poison life? What are you looking at? Don't be afraid, there is no blood on you any more, it's already washed off.

HERSHELE

Washed off? Hmm. Yes, washed off or not, his blood doesn't frighten me. You see, that night when I saw your blood on me, I was scared, I felt ugly, I felt bad. His blood, though, doesn't frighten me, it hurts me. I don't feel ugly, I feel a sharp pain.

MISCHIEF

Stupidities. Your nerves have had a little shock. It's the first time you saw it. Come, fresh air will make you healthy again. ~~Ay,~~ Beryl Laptyukh, take the chair away. (A Jewish worker takes the chair away) Foolishness. Once I saw, in a big factory, someone got caught on the big wheel. It lifted him very high up, still alive, and then it dragged him down and ground him to ash. (Leads him)

HERSHELE

(Thoughtfully) That's just how it is, evidently. The wheel of life lifts you high, altogether high, and then it throws you down and grinds you into ash, into ash and dust.

MISCHIEF

A Jew without ash and dust is like a gentile without brandy and beer. Come, we'll take a little cognac ourselves. Just look how pale he is. You're still absolutely green. It's only a matter of getting used to it. In a big factory, feet get broken and hands get ripped every minute, and it's nothing. One just has to get used to it. Once upon a time, you could be sentimental, when a man worked with men. Now we work with machines, and a man must be careful, strong, and cold as a machine. Do you see? Man has been caught up in it, so he has become man no longer. (Both exit. Noise of machines and wheels.)

CRITIQUE OF CAPITALISM

ACT FOUR Scene 3

(HERSHELE's office. A bookcase with Jewish religious books. His violin lies on top in a case. In the middle of the room, a writing table near which stands a tall iron strongbox and a few stools. LEYZER and PESENYU sit sadly. FREYDENYU walks around wringing her hand and singing the Psalm of David softly in a weeping voice. The light darkens gradually.)

PESENYU

Freydenyu, my child, what hurts you? Are you sick?

FREYDENYU

My heart hurts me, Auntie. Something like a serpent sucks my blood. I can't find a place for myself. Nothing matters to me and nothing makes me happy. I feel exactly as if I were swimming in a sea of misery and sadness. (Goes to bookcase and takes violin and contemplates it)

LEYZER

But why is that? Why do you feel that way?

FREYDENYU

I don't know myself. There suddenly comes such a ~~x~~ regret such a sadness, such a heart-ache.

PESENYU

Oy, woe is me. (Quietly to LEYZER) I ought to run over there to see what is happening. But how can you leave her alone here?

LEYZER

They're not letting anyone in, certainly not women. Them they drive out like geese. The doctor is operating now. (Noise) Oy, I am afraid, I think the jester's boss is coming. (Enter HERSHELE and MISCHIEF. LEYZER stands up.)

HERSHELE

(Very sad) Look, such guests in my office. Freydenyu, how are you? Did you come to see me?

